בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ

סֵפֶר

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

בְּרִיוֹן פוּן חִיזוּק, אֱמוּנָה און פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת פַאר'ן לֶעבְּן, גֶעשְׁרִיבְּן דוּרְךְ רֹאשׁ יְשִׁיבַת תִּפְאֶרֶת הַתּוֹרָה בְּרֶסְלֶב

אִידִישׁ

270

תשפ"ב

היכל הקודש

צו באקומען וועכענטליך די עצתו אמונה רופט: 718-387-2691

To obtain this and other Breslev Publications:

**Heichal Hakodesh Kiryas Breslev**

**181 Huschke Road,** Liberty NY 12747

Heichal Hakodesh
**Boro Park**
**4801 11th Ave**
Brooklyn NY 11219
**347.760.5924**

Heichal Hakodesh
**Williamsburg**
**27 Skillman Street**
Brooklyn NY 11205
**718.384.1652**

Heichal Hakodesh
**Monsey**
**32 Dolson Road**
Monsey NY 10952
**347.733.7551**

Heichal Hakodesh
**Kiryas Yoel**
**8 Premishlan Way.**
Monroe NY 10950
**845.243.0563**

Heichal Hakodesh
**Kiryas Yoel**
**8 Hayes Ct.**
Monroe NY 10950
**845.467.5299**

Heichal Hakodesh
**Blooming Grove**
**24 Merriewold LN S**
Monroe NY 10950
**845.238.0804**

Heichal Hakodesh
**Yerushalayim**
**15 Nahman Mibreslev St**
Jerusalem, Israel
**054.845.6150**

Heichal Hakodesh
**Bnei Brak**
**7 Ba'al Shem Tov Street**
Bnei Brak, Israel
**052.760.5715**

**Printed by:**

**Keren Hadfusa of Breslev**

2623 State Route 52
Liberty, NY 12754
718.387.2691

**Visit Our Web Site:**
**www.BreslevCenter.com**

To listen to the beautifull Shiurim given by the Rosh Yeshiva

**Kol Breslev**
212.444.9191

**Chizuk for the Jewish home**
212.444.9169

**Chizuk Yomi**
To receive Chizuk Yomi by
**Email:** chizikyomi@gmail.com
**WhatsApp:** 347.630.2876

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

מֶעגְן פְרוֹיעֶן זַיין אִין אוּמַאן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה?.............................. א

וָואס הָאבּ אִיךְ אַלְץ בַּאקוּמֶען בַּיים רֶבִּי'ן?.............................. ב

זָאל אִיךְ לָאזְן מַיין בָּחוּר גֵיין אִין מִקְוֶה?.............................. ה

וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ מַאכְן אַז מַיין ווַייבּ זָאל מִיךְ לָאזְן פָארְן קַיין אוּמַאן?.............................. ו

# אִישׁ אֱמוּנוֹת

זִיךְ אָפְּשֵׁיידְן פוּן דִי עֵרֶב רַב וָואס הָאבְּן אוֹיסְגֶעְרִיסְן דִי אִידִישֶׁע נֶעמֶען.............................. א

עֶנְדֶערְשׁ זַיי אַ מְלַמֵד.............................. א

גַּם זֶה יַעֲבוֹר, אוֹיךְ דָאס וֶועט אַרִיבֶּערְגֵיין.............................. ב

מַיין מַאן דֶער בַּטְלָן אָדֶער מַיין מַאן דֶער גֶעלוּנְגֶענֶער.............................. ד

יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר דִי בִּילְדֶער וִוי מֶען לֶערְנְט אִין שׁוּל אִין יְרוּשָׁלַיִם.............................. ה

גֵיין אִין תְּפִיסָה מְחַזֵק זַיין אִידִישֶׁע אַיינְגֶעשְׁפַּארְטֶע.............................. ו

ווַאוֹיל אִיז אַייךְ אַז אִיר שִׁיקְט אַייעֶר מַאן קַיין אוּמַאן מִיט שִׂמְחָה.............................. ו

דִי פֵּייעֶר פַאר הֲפָצָה זָאל בְּרֶענֶען אִין דִיר בִּיז מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען.............................. ז

מֶען דַארְף זִיךְ אָפְּגֶעבְּן צוּ פַארְדֶערְכְטְן דִי צֵיינֶער.............................. ז

דִי שְׁפִּיל פוּנֶעם חָכָם אוּן תַּם אִיז גֶעוֶוען אוֹיסֶערְגֶעוֶוענְלִיךְ שֵׁיין.............................. ח

מֶען אִיז מְחַזֵק יֶענֶעם, אוּן מֶען וֶוערְט אַלֵיין שְׁטַארְק.............................. ט

חֶסְרוֹנוֹת אִיז גְרִינְג צוּ טְרֶעפְן, דֶער קוּנְץ אִיז צוּ טְרֶעפְן גוּטֶע זַאכְן.............................. ט

דֶרֶךְ אֶרֶץ אִין שׁוּל, נֶעמְט נִישְׁט אַוֶועק פוּן דִי הֲנָאָה אִין לֶעבְּן.............................. י

וואוינסט אין שטעטל, דארפסטו זיך פירן מיט די עצות פון רבי'ן ........................ יא

וואס זענען דיינע שיעורים? וואס זענען דיינע טואונגען? ........................ יב

השמר והזהר צו טון עפעס פאר'ן מוסד וואס איז נישט געזעצליך ........................ יג

עס איז יעצט א שעת חירום, מען מוז טון צו די זאך ........................ יג

זע צו לערנען יעדן טאג דעם בלאט גמרא ........................ יד

די ניגונים אויף די נייע סידי "איך בין נישט אליין" ........................ טו

די פערטע מיידל שולע בית פיגא ........................ יז

מען טאר זיך קיינמאל נישט פארלירן ........................ יט

העלפן דעם רבי'ן וועט נישט שאטן פאר א שידוך ........................ כ

חיזוק און עצות פאר בית פיגא ירושלים ........................ כג

זאלסט נישט גיין צו די בחירות ........................ כד

נעמט א גוטע הדרכה ........................ כד

מעג מען חתונה מאכן סוף חודש? ........................ כה

נישט חרטה האבן אויף גוטע זאכן וואס מען האט געטון ........................ כו

יעדעס יאר ביים יום הולדת זאלט איר זיך מקבל זיין נאך א גוטע זאך ........................ כז

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

## מֶעגְן פְּרוּיעֶן זַיין אִין אוּמַאן אוּיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר אַלֶע שִׁיעוּרִים אוּן חִיזוּק, בִּפְרַט דִי שִׁיעוּרִים אוּן בְּרִיוו אוּיף שֶׁערְן דִי הָאר נָאךְ דִי חֲתוּנָה, עֶס אִיז מִיר זֵייעֶר מְחַזֵק.

גֶעלוֹיבְּט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַז אִיךְ הָאבּ חֲתוּנָה גֶעהַאט פַארְגַאנְגֶענֶע וָואךְ, אוּן מִיר וֵוייסְן נִישְׁט וָואס צוּ טוּן וֶועגְן אוּמַאן רֹאשׁ הַשָּׁנָה.

מִיר הָאבְּן גֶעטְרַאכְט אוּיבּ מַיין מַאן זָאל אַלֵיין פָארְן, אָדֶער זָאלְן מִיר פָארְן צוּזַאמֶען אַבִּיסְל פְּרִיעֶר אוּן אִיךְ זָאל צוּרִיק קוּמֶען פַאר רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אָדֶער אֶפְשָׁר זָאל אִיךְ אוּיךְ בְּלַייבְּן אוּיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִין אוּמַאן?

אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן דֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה וָואס מִיר זָאלְן טוּן אוּן אוּיבּ עֶס אִיז בִּכְלַל אוּיסְגֶעהַאלְטְן אַז פְּרוּיעֶן זָאלְן זַיין רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִין אוּמַאן? אוּיבּ בְּלַייבּ אִיךְ נִישְׁט דָארְט, מֵיינְט עֶס צוּ בְּלַייבְּן וֵוייניגְסְטְנְס פַאר אַ וָואךְ אַלֵיין, וַוייל דִי וֶועגְן נֶעמְט זֵייעֶר לַאנְג דָאס יָאר.

מִיר זֶענֶען זֵייעֶר צֶעמִישְׁט, מִיר קֶענֶען נִישְׁט מַחְלִיט זַיין וָואס צוּ טוּן. מִיר וֶועלְן זִיךְ זֵייעֶר פְרֵייעֶן אוּיבּ דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה וֶועט אוּנְז זָאגְן וָואס צוּ טוּן.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת שׁוֹפְטִים, ב׳ אֱלוּל, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן**

**מָרַת ... תִּחְיֶ׳**

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.**

**עֶנְדֶערְשׁ זָאלְט אִיר בְּלַייבְּן אִין שְׁטוּבּ אָדֶער גֵיין צוּ אַייעֶרֶע עֶלְטֶערְן; דִי זַאךְ פוּן פָארְן רֹאשׁ הַשָּׁנָה צוּם רֶבִּי׳ן אִיז פַאר מֶענֶער - נִישְׁט פַאר פְרוֹיעֶן, אוֹיךְ אִיז דָאס נִישְׁט פְּרַאקְטִישׁ.**

**וואוֹיל אִיז פַאר דִי פְרוֹיעֶן וָואס שִׁיקְן זֵייעֶרֶע מֶענֶער קַיין אוּמַאן.**

**אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.**

...

**וָואס הָאבּ אִיךְ אַלְץ בַּאקוּמֶען בַּיים רֶבִּי׳ן?**

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאבּ זִיךְ זֵייעֶר גֶעפְרֵייט צוּ בַּאקוּמֶען דִי בְּרִיוו פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א, בָּרוּךְ הַשֵּׁם מִיט דִי עֵצוֹת פוּן רֶבִּי'ן הָאט מֶען אַ גוּטֶע לֶעבְּן, עֶס אִיז שְׁוֶוער מַסְבִּיר צוּ זַיין פַאר אַ צְוֵוייטְן; אָבֶער אַז דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁרַייבְּט עֶר וַוארְט צוּ הֶערְן וְכוּ', וֶועל אִיךְ שְׁרַייבְּן אַבִּיסְל.

אִיךְ וֶועל שְׁרַייבְּן אַבִּיסְל מַיין סֵדֶר הַיּוֹם. אִיךְ פְּרוּבִּיר אוֹיפְצוּשְׁטֵיין בְּעֶרֶךְ פִינְף אַזֵייגֶער, אִיךְ גֵיי גְלַייךְ אִין מִקְוֶה אִין מַיין הוֹיז (שִׁירַיִם פוּן קָארָאנֶע), נָאכְדֶעם גֵיי אִיךְ אַרוֹיס הִינְטֶער מַיין הוֹיז פַאר הִתְבּוֹדְדוּת. דִי צַייט אִיז אַזוֹי גֶעשְׁמַאק, מֶען פִילְט דָאס וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט אוֹיף הַנֵּעוֹר בַּלַּיְלָה (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן נב); אַלֶעס שְׁלָאפְט, קֵיינֶער שְׁטֶערְט נִישְׁט.

אִיךְ בִּין עוֹסֵק אַסַאךְ אִין דַאנְקֶען, מֶער ווִי בֶּעטְן; קוֹדֶם וַוייל עֶס אִיז בָּרוּךְ הַשֵּׁם דָא גֶענוּג אוּן נָאךְ אוֹיף וָואס צוּ דַאנְקֶען, אוּן אוֹיךְ זֶעט מֶען ווּאוּנְדֶערְלִיכֶע יְשׁוּעוֹת וֶוען מֶען דַאנְקְט אוֹיף זַאכְן וָואס זֶעט אוֹיס נִישְׁט גוּט, אוּן אוֹיךְ וֶוערְט מֶען זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ אוּן פַּאזִיטִיוו.

נָאכְדֶעם לֶערְן אִיךְ חַ"י פְּרָקִים מִשְׁנַיּוֹת, אוּן מִיט דֶעם הָאבּ אִיךְ שׁוֹין אַיינְגֶענוּמֶען דֶעם טָאג, וַוייל ווִי לַאנְג אִיךְ הָאבּ עֶס נִישְׁט גֶעעֶנְדִיגְט - עֶנְדִיגְט זִיךְ נִישְׁט דֶער טָאג.

נָאכְדֶעם לֶערְן אִיךְ פִינְף דַפִּים זוֹהַר הַקָדוֹשׁ; דֶעם שַׁבָּת הָאבּ אִיךְ בָּרוּךְ הַשֵּׁם מְסַיֵים גֶעוֶוען גַאנְץ זוֹהַר.

נָאכְדֶעם גֵיי אִיךְ דַאוֶּוענֶען וְכוּ', נָאכְדֶעם אַרְבֶּעט אִיךְ אַפָּאר שָׁעָה. אוֹיבּ בִּין אִיךְ גֶעגַאנְגֶען שְׁלָאפְן שְׁפֶּעט דִי נַאכְט פְרִיעֶר, לֵייג אִיךְ מִיךְ אַרָאפּ אַבִּיסְל; יֶעצְט זוּמֶער גֵיי אִיךְ שְׁווִימֶען אַבִּיסְל (מוֹהֲרָא"שׁ הָאט מִיר גֶעזָאגְט עֶס אִיז זֵייעֶר גֶעזוּנְט פַאר עֶקְסֶערְסַייז).

שְׁפֶּעטֶער נָאכְמִיטָאג לֶערְן אִיךְ דֶעם בְּלַאט גְמָרָא, שְׁנַיִם מִקְרָא וְאֶחָד תַּרְגוּם מִיט רַשִׁ"י, אֲשֶׁר בַּנַחַל, און אוֹיךְ אַ מַסֶכְתָּא פוּן דִי צַייט; אִיךְ הָאבּ יֶעצְט אָנְגֶעהוֹיבְּן מַסֶכֶת יוֹמָא פַאר יוֹם כִּיפּוּר, מַסֶכֶת רֹאשׁ הַשָּׁנָה וֶועל אִיךְ אִם יִרְצֶה הַשֵּׁם אָנְהוֹיבְּן רֹאשׁ חוֹדֶשׁ אֱלוּל, אוֹיךְ אַנְשְׁטָאט זוֹהַר הָאבּ אִיךְ צוּ לֶערְנֶען יֶעצְט תִּיקוּנֵי זוֹהַר, שְׁפֶּעטֶער בַּיינַאכְט לֶערְן אִיךְ לִקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן כְּפִי הַפְּנַאי, און אַזוֹי אַנְדֶערֶע שִׁיעוּרִים (שֻׁלְחָן עָרוּךְ לֶערְן אִיךְ נָאכְ'ן דַאוֶּוענֶען), טוּר, רַמְבַּ"ם, לִקוּטֵי הֲלָכוֹת.

בֶּאֱמֶת דֶערְצֵייל אִיךְ קֵיינֶעם גָארְנִישְׁט, אָבֶּער אִיךְ ווִיל דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה זָאל זֶען אַז דִי אַרְבֶּעט צָאלְט זִיךְ אוֹיס; אִיךְ הָאבּ עֶס וֶועט גֶעבְּן כֹּחַ אָנְצוּגֵיין וַוייטֶער, אַז מֶען פָאלְגְט קֶען מֶען זוֹכֶה זַיין צוּ לֶעבְּן אִין גַן עֵדֶן דָא אוֹיף דִי וֶועלְט.

יְיִשַׁר כֹּחַ פַאר אַלֶעס! דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל גֶעבְּן כֹּחַ פַאר'ן רֹאשׁ יְשִׁיבָה אוּנְז וַוייטֶער מְחַזֵק זַיין, און הַצְלָחָה בְּכָל הָעִנְיָנִים.

אִיךְ בֶּעט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה זָאל מִתְפַּלֵל זַיין פַאר אוּנְז ... לְהַצְלָחָה בְּכָל הָעִנְיָנִים.

מַיין זוּן ... נֵרוֹ יָאִיר הָאט מְסַיֵים גֶעוֶוען צוּם עֶרְשְׁטְן מָאל תְּהִלִים פָארִיגֶע וָואךְ.

יְיִשַׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פָּרָשַׁת שׁוֹפְטִים, ב' אֱלוּל, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

וֶוען מֶענְטְשְׁן וָואלְטְן וֶוען גֶעווּסְט וָואס מֶען בַּאקוּמְט פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן וָואלְט יֶעדֶער גֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן און מֶען וָואלְט גֶעבְּרֶענְגְט דִי קִינְדֶער צוּם רֶבִּי'ן - כְּדֵי זוֹכֶה זַיין אוֹיךְ צוּ בַּאקוּמֶען דִי שֵׁיינֶע לֶעבְּן וָואס דֶער רֶבִּי גֶעבְּט אוּנְז, אָבֶּער לֵיידֶער הָאט דֶער שָׂטָן גֶעמַאכְט אַזַא מַחֲלֹקֶת אוֹיפְ'ן רֶבִּי'ן, מִיט

אַזֶעלְכֶע לָשׁוֹן הָרָע אוֹיף בְּרֶסְלֶב - אַז מֶענְטְשְׁן צִיטֶערְן דִי קִינְדֶער זָאלְן נִישְׁט וֶוערְן בְּרֶסְלֶבְ'עֶר.

אָבֶער בֶּאֱמֶת אִיז דָאס אַ לִיגְנְט, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן קפב): "מֶען קְרִיגְט נִישְׁט אוֹיף מִיר, מֶען הָאט זִיךְ נָאר אוֹיסְגֶעשְׁנִיצְט אַ מֶענְטְשׁ אוּן אוֹיף אִים קְרִיגְט מֶען, אִיךְ קְרִיג אוֹיךְ אוֹיף דֶעם מֶענְטְשׁ, אוֹיף אַזַא מֶענְטְשׁ וָואס טוּט אַזֶעלְכֶע זַאכְן וָואס טוֹיגְן נִישְׁט - קְרִיג אִיךְ אוֹיךְ".

וואוּ אִין דִי וֶועלְט הֶערְט מֶען בַּיי פָּשׁוּט'עֶ אִידְן אַזוֹי וִוי מִיר זֶענֶען - זָאלְן אוֹיפְשְׁטֵיין פַּארְטָאגְס זִיךְ גֵיין מִתְבּוֹדֵד זַיין אוּן לֶערְנֶען שִׁיעוּרִים בְּכָל הַתּוֹרָה כּוּלָהּ? וִוי אִין דִי וֶועלְט זָאלְן פָּשׁוּט'עֶ מֶענְטְשְׁן הָאבְּן אַן הַשָּׂגָה אִין עֲבוֹדַת הַצַּדִּיקִים? דָאס אִיז דֶער כֹּחַ פוּן רֶבִּי'ן, אוּן דֶערִיבֶּער מַאכְט דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם לֵיצָנוּת פוּן רֶבִּי'ן, עֶר שְׁפֶּעט אוּן לַאכְט. אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט (סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת מַעֲשֶׂה ז', מִזְבּוּב וְעַכָּבִישׁ) אַז פַּאר זַיין נְשָׁמָה אִיז אַרָאפְּגֶעקוּמֶען אוֹיף דִי וֶועלְט הָאט דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם גֶעשְׁרִיגְן: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, אוֹיבּ דִי נְשָׁמָה קוּמְט אַרָאפּ אוֹיף דִי וֶועלְט, פַּארְוָואס הָאסְטוּ מִיךְ בַּאשַׁאפְן?" הָאט מֶען אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט: "דִי נְשָׁמָה מוּז אַרָאפְּקוּמֶען אוֹיף דִי וֶועלְט, דוּ גֵיי אוּן זוּךְ דִיר אַן עֵצָה", אִיז עֶר אַוֶועקְגֶעגַאנְגֶען אוּן אִיז דֶערְנָאךְ צוּרִיקְגֶעקוּמֶען מִיט אַן אַלְטִיטְשְׁקֶן אַן אַיינְגֶעבּוֹיגֶענֶעם, זֵיי הָאבְּן גֶעלַאכְט אוּן גֶעזָאגְט: "דִי נְשָׁמָה קֶען שׁוֹין אַרָאפְּגֵיין, מִיר הָאבְּן שׁוֹין אַן עֵצָה"; מוֹהֲרַא"שׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה זָאגְט, דִי עֵצָה אִיז שְׁפֶּעטְן, מֶען לַאכְט אוּן מֶען שְׁפֶּעט; דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם מַאכְט אַ גֶעשְׁפֶּעט פוּנֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן.

שְׁטַארְק זִיךְ וַוייטֶער אִין דַיין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם, אוֹיךְ זָאלְסְטוּ עוֹסֵק זַיין אִין דִי הֵיילִיגֶע הֲפָצָה; גֵיי יֶעדְן טָאג אַבִּיסְל הֲפָצָה, שְׁטֶעל זִיךְ נִישְׁט אָפּ פַאר קֵיינֶעם; טְרַאכְט פוּן נִשְׁמוֹת יִשְׂרָאֵל וִוי זֵיי זֶענֶען נֶעבֶּעךְ אַזוֹי פַארְפַאלְן, אוּן מֶען קֶען זֵיי רַאטֶעוֶועןן נָאר מִיטְ'ן רֶבִּינְ'ס עֵצוֹת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

## זָאל אִיךְ לָאזְן מַיין בָּחוּר גֵיין אִין מִקְוֶה?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

מַיין בָּחוּר אִיז יֶעצְט בַּר מִצְוָה גֶעוָוארְן, עֶר דַארְף אָנְהוֹיבְּן גֵיין אִין מִקְוֶה יֶעדְן טָאג, אָבֶּער אִיךְ בִּין נִישְׁט רוּאִיג מִיט דֶעם. אַ מִקְוֶה אִיז גֶעמַאכְט גֶעוָוארְן צוּ בְּרֶענְגֶען מֶער קְדוּשָּׁה וְטָהֳרָה, אָבֶּער לֵיידֶער זֶעט מֶען ווִי מֶענְטְשְׁן ווֵייקְן זִיךְ אִין מִקְוֶה ווִי הֶערִינְגֶען אוּן רֶעדְן דָארְט אַלֶע שְׁטוּתִים וַהֲבָלִים הוֹיךְ אוֹיפְ'ן קוֹל.

אִיךְ ווֵייס אַז מִקְוֶה אִיז בֶּאֱמֶת אַ גוּטֶע זַאךְ, דִי שְׁאֵלָה אִיז צוּ הַיינְט אִיז נָאכְאַלְץ אַזוֹי; הַיינְטִיגֶע צַייטְן ווֶען מֶען נוּצְט דָאס אוֹיס פַּאר הוֹלְלוּת וּפְרִיקַת עוֹל, אִיז עֶס נָאכְאַלְץ אַ גוּטֶע זַאךְ?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת שׁוֹפְטִים, ב' אֱלוּל, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

**מִקְוֶה אִיז זֵייעֶר אַ הֵיילִיגֶע זַאךְ. דֶער רֶבִּי זָאגְט** (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת הַמְתָּקַת הַדִּין, סִימָן כב)**: "עַל יְדֵי טְבִילַת מִקְוֶה נִתְבַּטֵּל הַצָּרוֹת", דוּרְךְ מִקְוֶה נֶעמְט מֶען אַרָאפּ פוּן זִיךְ אַלֶע דִינִים, "וִישׁוּעָה בָּאָה", אוּן מֶען זֶעט אַ יְשׁוּעָה; ווַייל ווֶען מֶען טוֹבֵלְ'ט זִיךְ אִין מִקְוֶה טוֹבֵלְ'ט מֶען דִי נְשָׁמָה אוֹיבְן אִין הִימְל.**

**זַיי מְחַנֵךְ דַיינֶע קִינְדֶער זֵיי זָאלְן גֵיין אִין מִקְוֶה אוּן לֶערְן זֵיי אוֹיס נִישְׁט צוּ שְׁמוּעֶסְן אִין מִקְוֶה, אָבֶּער נִישְׁט זָאגְן מְבַטֵּל זַיין מִקְוֶה ווַייל מֶען שְׁמוּעֶסְט אִין מִקְוֶה, בַּאלְד ווֶעסְטוּ זָאגְן מֶען זָאל נִישְׁט קוּמֶען אִין שׁוּל ווַייל עֶס זֶענֶען דָא מֶענְטְשְׁן וָואס שְׁמוּעֶסְן בַּיים דַאווְנֶען; זוּךְ נִישְׁט קַיין חָכְמוֹת וְכוּ', פִּיר זִיךְ בִּתְמִימוּת וּבִפְשִׁיטוּת, דוּ גֵיי אִין מִקְוֶה אוּן לֶערְן אוֹיס דַיינֶע קִינְדֶער צוּ גֵיין אִין מִקְוֶה.**

**דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה הָאט גֶעזָאגְט: "'מִקְוֶה' אִיז דִי זֶעלְבֶּע לָשׁוֹן פוּן 'תִּקְוָה'; אַז מֶען גֵייט אִין מִקְוֶה ווֶעט מֶען הָאבְּן אַ תִּקְוָה,**

מֶען וֶועט אַלֶעס פַארְרֶעכְטְן״. אַזוֹי אוֹיךְ הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אַהֲרֹן קַארְלִינֶער זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ גֶעזָאגְט: ״מִקְוֶה אִיז טַאקֶע נִישְׁט קַיין מִצְוָה, אָבֶער צוּ וָואס מִקְוֶה קֶען צוּבְּרֶענְגֶען קֶען קַיין שׁוּם אַנְדֶערֶע מִצְוָה צוּבְּרֶענְגֶען״.

בַּיי אַנְדֶערֶע זַאכְן, וְוִי צוּם בֵּיישְׁפִּיל גֵיין אִין גְרוֹיסֶע גֶעשֶׁעפְטְן וואוּ עֶס אִיז שְׁוֶוער מִיט שְׁמִירַת עֵינַיִם - דָארְט זָאלְסְטוּ נִישְׁט גֵיין אוּן נִישְׁט נֶעמֶען דַיינֶע קִינְדֶער, אָדֶער צוּם בֵּיישְׁפִּיל פָּארְן מִיטְ'ן בַּאן, וָואס אִיז זֵייעֶר שְׁוֶוער דָארְט מִיט שְׁמִירַת עֵינַיִם, גֵיין אִין גַאס וְכַדוֹמֶה לָזֶה, דָארְט זָאלְסְטוּ זִיךְ צוּרִיק הַאלְטְן אוּן אוֹיךְ אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף דַיינֶע קִינְדֶער.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

### וְוִי אַזוֹי קֶען אִיךְ מַאכְן אַז מַיין וַוייבּ זָאל מִיךְ לָאזְן פָּארְן קַיין אוּמַאן?

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר דִי עֵצוֹת אוּן חִיזוּק בְּנוֹגֵעַ אוּמַאן. אִיךְ הָאבּ גֶערֶעדְט צוּ מַיין וַוייבּ וֶועגְן אוּמַאן, אַז אִיךְ ווִיל פָּארְן צוּם רֶבִּי'ן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, קוֹדֶם הָאט זִי מִיר גֶעזָאגְט אַז דָאס יָאר קֶען מֶען דָאךְ נִישְׁט פָּארְן עֶס אִיז אַ סַכָּנָה, הָאבּ אִיךְ אִיר גֶעזָאגְט אַז עֶס אִיז נִישְׁט קַיין סַכָּנָה, זָאגְט זִי מִיר זֵייעֶר שְׁטְרֶענְג: "וְוִי לַאנְג דוּ בִּיסְט חֲתוּנָה גֶעהַאט מִיט מִיר, פָּארְסְטוּ נִישְׁט קַיין אוּמַאן!!!" אוּן זִי פְרֶעגְט מִיר, "דוּ גֵייסְט יֶעצְט בְּלָאזְן אוֹיף מִיר?" זָאג אִיךְ אִיר: "נֵיין! אִיךְ בִּין נִישְׁט בְּרוֹגֶז אוֹיף דִיר, נָאר אִיךְ וֶועל זַיין זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ צוּ פָּארְן קַיין אוּמַאן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה", אוּן נָאכְדֶעם הָאט זִי פַארְדְרֵייט דֶעם שְׁמוּעֶס.

וָואס טוּ אִיךְ יֶעצְט? זִי רֶעדְט ווִי אַ בַּעַל הַבַּיִת אוֹיף מִיר אוּן דָאס שְׁטֶערְט מִיר זֵייעֶר שְׁטַארְק, אִיךְ ווִיל אַזוֹי שְׁטַארְק פָּארְן קַיין אוּמַאן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אִיךְ פְּרוּבִּיר אַזוֹי שְׁטַארְק צוּ פָּאלְגְן דֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה בְּנוֹגֵעַ שְׁלוֹם בַּיִת וַוייל מוֹהֲרַ"ש זָאגְט אוֹיבּ מֶען הָאט

נִישְׁט קֵיין שְׁלוֹם בַּיִת נוּצְט דִי וַוייבּ אוֹיס אוּמַאן אַלְס סְטְרַאשֶׁע נִישְׁט צוּ לָאזְן פָאְרן קַיין אוּמַאן, וָואס טוּ אִיךְ, אִיךְ ווִיל אָבֶער יָא קוּמֶען צוּם רֶבִּיְנ'ס רֹאשׁ הַשָּׁנָה!

יְיַשֶּׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת שׁוֹפְטִים, ג' אֱלוּל, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן**

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִיךְ בִּין זִיכֶער אַז אוֹיבּ דוּ וֶועסְט רֶעדְן צוּ אִיר שֵׁיין אוּן וֵוייךְ - וֶועסְטוּ גֶעוִוינֶען אִיר הַארְץ אוּן זִי וֶועט דִיךְ לָאזְן גֵיין קַיין אוּמַאן. שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ זָאגְט (מִשְׁלֵי טו, א): "מַעֲנֶה רַךְ, יָשִׁיב חֵמָה", רֶעדְן וֵוייךְ נֶעמְט אַוֶועק יֶענֶעמְ'ס צָארְן; דוּרְךְ רֶעדְן וֵוייךְ אוּן שֵׁיין קֶען מֶען אִיבֶּערְדְרֵייעֶן דֶעם הַארְטְסְטְן מֶענְטְשׁ.

דַיין וַוייבּ שֶׁעמְט זִיךְ פוּן אִירֶע חַבֵר'טֶעס אוּן פוּן אִירֶע עֶלְטֶערְן, דֶערִיבֶּער שְׁרֵייט זִי אוֹיף דִיר, דָאס אִיז אַלֶעס פוּן דִי מַחֲלֹקֶת אוֹיפְ'ן רֶבִּי'ן. אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעזָאגְט: "אִיךְ בִּין אַמָאל אַרַיינְגֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן אִין צִימֶער אוּן גֶעטְרָאפְן דֶעם רֶבִּי'ן וֵויינֶען, אִיךְ הָאבּ זִיךְ זֵייעֶר דֶערְשְׁרָאקְן, אִיךְ פְרֶעג דֶעם רֶבִּי'ן 'פַארְוָואס וֵויינְט דֶער רֶבִּי?' זָאגְט מִיר דֶער רֶבִּי, 'אַזוֹינְס צוּ זָאגְן אוֹיף מִיר, אַז אִיךְ בִּין פוּן יֶענֶעם כַּת רַחֲמָנָא לִצְלָן?!' רֶבִּי נָתָן הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט צוּקוּקְן וִוי דֶער רֶבִּי וֵויינְט, אִיז עֶר אַוֶועקְגֶעגַאנְגֶען.

רֶבִּי נָתָן דֶערְצֵיילְט, דֶעמָאלְט הָאט עֶר נִישְׁט פַארְשְׁטַאנֶען פַארְוָואס דֶער רֶבִּי וֵויינְט, וָואס גֵייט אָן דֶעם רֶבִּי'ן וָואס יֶענֶער זָאגְט? אָבֶער שְׁפֶּעטֶער וֶוען דֶער רֶבִּי אִיז אַוֶועק פוּן דִי וֶועלְט אוּן עֶר הָאט גֶעוָואלְט אַרַיינְבְּרֶענְגֶען דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּיְנ'ס עֵצוֹת אִין דִי וֶועלְט אוּן עֶס הָאט זִיךְ אָנְגֶעפַאנְגֶען אַ שְׁרֶעקְלִיכֶע הִתְנַגְּדוּת, מֶען הָאט גֶע'רוֹדְפְ'ט רֶבִּי נָתָן מִיט שְׁרֶעקְלִיכֶע רְדִיפוֹת, הָאט רֶבִּי נָתָן גֶעזָאגְט: "יֶעצְט פַארְשְׁטֵיי אִיךְ שׁוֹין פַארְוָואס דֶער רֶבִּי הָאט אַזוֹי גֶעוֵויינְט, נִישְׁט וַוייל יֶענֶער הָאט גֶערֶעדְט אוֹיף אִים, נָאר דֶער רֶבִּי הָאט גֶעוֵויינְט וַוייל עֶר הָאט גֶעזֶען אַז דוּרְךְ דִי מַחֲלֹקֶת אוּן דוּרְךְ דִי לָשׁוֹן הָרָע וָואס מֶען רֶעדְט אוֹיף אִים - וֶועלְן מֶענְטְשְׁן נִישְׁט מְקוּרָב וֶוערְן צוּ אִים אוּן

עֶס וֶועט זַיין זֵייעֶר שְׁוֶוער אַריין צוּ בְּרֶענְגֶען אִין מֶענְטְשְׁן דִי לִיכְטִיגֶע עֵצוֹת".

דָאס אַז דַיין וַוייבּ שְׁרֵייט אוֹיף דִיר אַז דוּ קֶענְסְט נִישְׁט פָּארְן קַיין אוּמַאן דָאס אִיז פוּן דִי מַחֲלֹקֶת, פוּן לָשׁוֹן הָרָע - וָואס צִיט זִיךְ שׁוֹין אִיבֶּער צְוֵויי הוּנְדֶערְט יָאר אוּן דָאס הַאלְט אָפּ דִי גְאוּלָה. דֶער רֶבִּי הָאט דִי כֹּחַ צוּרִיק צוּ בְּרֶענְגֶען דִי גַאנְצֶע וֶועלְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַלֶע זָאלְן תְּשׁוּבָה טוּן, נָאר דִי מַחֲלֹקֶת אוּן הוֹצָאַת שֵׁם רַע פַארְשְׁטֶעלְט אַלְסְדִינְג.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, וֶוער נִישְׁט בְּכַּעַס אוֹיף דַיין וַוייבּ; זַיי אִיר דַן לְכַף זְכוּת, זִי שֶׁעמְט זִיךְ פוּן אִיר מִשְׁפָּחָה, פוּן אִיר טַאטֶע מַאמֶע אוּן גֶעשְׁוִויסְטֶער, דָאס מַאכְט זִי זָאל שְׁרֵייעֶן אוֹיף דִיר, אָבֶּער אַז דוּ וֶועסְט רֶעדְן שֵׁיין צוּ אִיר - וֶועסְטוּ אִיר אִיבֶּערְדְרֵייעֶן.

דוּ רֶעד צוּ אִיר שֵׁיין אוּן וֵוייךְ; זָאג אִיר: "אִיךְ וֶועל זִיךְ אַזוֹי פְרֵייעֶן אַז דוּ וֶועסְט רֶעדְן שֵׁיין צוּ מִיר. מַיין טֵייעֶרֶע וַוייבּ, אַז דוּ וֶועסְט מִיר זָאגְן עֶס אִיז דִיר שְׁוֶוער אַז אִיךְ פָּאר אַוֶועק אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה - וֶועט מִיר דָאס נִישְׁט אַזוֹי בַּאדֶערְן, נָאר דָאס וָואס דוּ זָאגְסְט מִיר אַזוֹי שַׁארְף 'וִוי לַאנְג אִיךְ לֶעבּ פָּארְסְטוּ נִישְׁט קַיין אוּמַאן!' דוּ רֶעדְסְט צוּ מִיר אַזוֹי שַׁארְף, דָאס טוּט מִיר זֵייעֶר וֵויי"; זָאג אִיר: "לָאמִיר זִיךְ דוּרְכְשְׁמוּעֶסְן אִינְאֵיינֶעם, לָאמִיר זַיין אַיינְשְׁטִימִיג, אִיךְ הָאבּ צוּ דִיר חֲתוּנָה גֶעהַאט, אִיךְ וִויל נָאר טוּן גוּטְס, אִיךְ וִויל פָּארְן קַיין אוּמַאן - נִישְׁט דִיר אִיבֶּער צוּ לָאזְן, אִיךְ וִויל פָּארְן צוּם צַדִיק וָואס גֶעבְּט מִיר לֶעבְּן, אִיךְ וִויל פָּארְן קַיין אוּמַאן וַוייל דֶער רֶבִּי שְׁטַארְקְט מִיר מַיין אֱמוּנָה, עֶר בְּלָאזְט אַריין אִין מִיר אַ חַיוּת אִין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם, אוּן אַז דֶער רֶבִּי זָאגְט מֶען זָאל קוּמֶען קַיין אוּמַאן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה וִויל אִיךְ אַזוֹי שְׁטַארְק גֵיין; מַיין טֵייעֶרֶע וַוייבּ, פַארְוָואס ווִילְסְטוּ נִישְׁט רֶעדְן צוּ מִיר? אִיךְ בִּין דָאךְ אַזוֹי גוּט צוּ דִיר, אִיךְ הֶעלְף דִיר אַ גַאנְץ יָאר, אִיךְ בִּין גְרֵייט פַאר דִיר אַ גַאנְץ יָאר, אִיךְ רֶעד צוּ דִיר שֵׁיין, אִיךְ טְשֶׁעפֶּע דִיר נִישְׁט, פַארְוָואס זָאלְסְטוּ מִיר אַזוֹי טְשֶׁעפֶּען? פַארְוָואס ווִילְסְטוּ נִישְׁט רֶעדְן מִיט מִיר פוּן אַ זַאךְ וָואס אִיז בַּיי מִיר אַזוֹי חָשׁוּב?!"

דוּ בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן טָאג נָאךְ טָאג, וָואךְ נָאךְ וָואךְ: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל אָנְקוּמֶען צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אִיךְ

**ווִיל זוֹכֶה זַיין דֶער רֶבִּי זָאל מִיךְ מְתַקֵן זַיין, הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, פַּארְוָואס אִיז דָא אַזַא מַחֲלֹקֶת אוֹיפְ׳ן רֶבִּי׳ן?! פַּארְוָואס אִיז דֶער רֶבִּי אַזוֹי פַארְשֶׁעמְט?! פַּארְוָואס קֶען מֶען פָארְן אִיבֶּערָאל, מֶען קֶען גֵיין אִיבֶּערָאל – אוֹיסֶער קַיין אוּמַאן?! הֶעלְף מִיר אַז מַיין וַוייבּ זָאל אוֹיךְ מְקוּרָב וֶוערְן, אִיךְ זָאל קֶענֶען גֵיין צוּם רֶבִּי׳ן מִיט מַיינֶע קִינְדֶער אוּן מַיינֶע דוֹרוֹת״; מִיט תְּפִלָּה וֶועסְטוּ אַלֶעס אִיבֶּערְדְרֵייעֶן.**

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

# אִישׁ אֱמוּנוֹת

### זִיךְ אָפְּשֵׁיידְן פוּן דִי עֵרֶב רַב וָואס הָאבְּן אוֹיסְגֶעריסְן דִי אִידִישֶׁע נֶעמֶען

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת עֵקֶב, י״ט מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

עֶס אִיז נִישְׁט קַיין פְּרָאבְּלֶעם אָנְהוֹיבְּן צוּ רוּפְן דָאס קִינְד מִיט אִיר צְוֵוייטֶע נָאמֶען, אַדְרַבָּה, עֶס אִיז בֶּעסֶער צוּ רוּפְן מִיט דִי אִידִישֶׁע נָאמֶען; וָואס מֶער זִיךְ אָפְּשֵׁיידְן פוּן דִי עֵרֶב רַב וָואס הָאבְּן אוֹיסְגֶעריסְן אַלֶע אִידִישֶׁע נֶעמֶען אוּן דָאס גֶעטוֹישְׁט אוֹיף הֶעבְּרֶעאִישׁ, בַּיי אוּנְז אִיז אַ שְׁטָאלְץ דִי אִידִישֶׁע שְׁפְּרַאךְ.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

### עֶנְדֶערְשׁ זַיי אַ מְלַמֵּד

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת עֵקֶב, י״ט מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

עֶנְדֶערְשׁ זַיי אַ מְלַמֵּד, אַזוֹי וֶועסְטוּ קֶענֶען אַריינְלֵייגְן אִין דִי קִינְדֶער דִי רֵיינֶע אֱמוּנָה, דוּ וֶועסְט זַיי אוֹיסְלֶערְנֶען דִי פִינְפְטֶע אֲנִי מַאֲמִין, ״אֲנִי מַאֲמִין בֶּאֱמוּנָה שְׁלֵמָה שֶׁהַבּוֹרֵא יִתְבָּרַךְ שְׁמוֹ לוֹ לְבַדּוֹ רָאוּי לְהִתְפַּלֵּל״, נָאר צוּם

אֵייבֶּערְשְׁטְן דַארְף מֶען זִיךְ וֶוענְדְן בְּעֵת צָרָה, נִישְׁטָא עֶפֶּעס אַנְדֶערְשׁ צוּ טוּן; מֶען דַארְף בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, רֶעדְן צוּ אִים, "וְאֵין רָאוּי לְהִתְפַּלֵּל לְזוּלָתוֹ", נִישְׁט בֶּעטְן אַנְדֶערֶע.

מוֹהֲרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט, עֶר הָאט גֶעהַאט אַ מְלַמֵּד אַ בְּרֶסְלֶבֶ'עֶר חָסִיד, עֶר פְּלֶעגְט אַרַיינְלֵייגְן אִין דִי קִינְדֶער זֵייעֶר שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה. דִי חֵדֶר אִיז גֶעוֶוען אִין אַ שׁוּל, אוּן וֶוען אַ קִינְד הָאט עֶפֶּעס גֶעדַארְפְט - פְּלֶעגְט דֶער מְלַמֵּד נֶעמֶען דֶעם קִינְד אוּן אִים שְׁטֶעלְן בַּיים אָרוֹן הַקוֹדֶשׁ, עֶר הָאט גֶעהֵייסְן דֶעם קִינְד קִישְׁן דִי פָּרֹכֶת, עֶר הָאט אִים פָּארְגֶעזָאגְט אַ תְּפִלָּה אוּן אִים גֶעהֵייסְן נָאכְזָאגְן וָוארְט בַּיי וָוארְט; אַזוֹי הָאט עֶר אַרַיינְגֶעבְּרֶענְגְט אִין דִי קִינְדֶער דִי זַאךְ פוּן תְּפִלָּה, אַז וֶוען מֶען דַארְף עֶפֶּעס - זָאל מֶען צוּגֵיין צוּם אָרוֹן הַקוֹדֶשׁ, גֶעבְּן אַ קִישׁ דֶעם פָּרֹכֶת אוּן בֶּעטְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וָואס מֶען דַארְף.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

**גַּם זֶה יַעֲבוֹר, אוֹיךְ דָאס וֶועט אַרִיבֶּערְגֵיין**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פָּרָשַׁת עֵקֶב, כ' מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר, בְּרֶסְלֶב לִיבֶּערְטִי**

וִויפִיל בְּרִיוו אִיךְ זָאל דִיר שְׁרַייבְּן - דַארְף אִיךְ דִיר נָאךְ מֶער שְׁרַייבְּן, דוּ וֵוייסְט גָארְנִישְׁט דַיין זְכוּת וִוי גְרוֹיס דָאס אִיז מִיט דֶעם וָואס דוּ דְרוּקְסְט דִי נַייעֶ סְפָרִים אִישׁ אֱמוּנוֹת, וִויפִיל טוֹיזְנְטֶער אִידְן זֶענֶען זִיךְ אַזוֹי מְחַיֶּ' מִיט דֶעם.

דִי מְפִיצִים זָאגְן מִיר עֶס אִיז טַאקֶע דָא מֶענְטְשְׁן וָואס שְׁרֵייעֶן אוּן צֶערַייסְן דִי סְפָרִים, אָבֶּער פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט זֶענֶען דָא מֶענְטְשְׁן וָואס זֶענֶען אַזוֹי אוֹיסְגֶעהוּנְגֶערְט פַאר דִי סְפָרִים, זֵיי כַאפְּן דִי סְפָרִים אַזוֹי וִוי אַן אוֹיסְגֶעהוּנְגֶערְטֶער אוּן דוּרְשְׁטֶערִיגֶער מֶענְטְשׁ, אוּן אֲפִילוּ בַּיי אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ וָואס הָאבְּן שׁוֹין אַזוֹיפִיל חִיזּוּק אוּן וֵוייסְן שׁוֹין אַלֶעס - וַוארְט מֶען אוֹיךְ יֶעדֶע וָואךְ בְּכִלְיוֹן עֵינַיִם אוֹיף נָאךְ בְּרִיוו, אוֹיף פְרִישֶׁע חִיזּוּק.

דֶערִיבֶּער בֶּעט אִיךְ דִיר זֵייעֶר, שְׁטַארְק זִיךְ אוּן זַיי מַמְשִׁיךְ מִיט פְּרִישֶׁע כֹּחוֹת; דָאס וֶועסְטוּ מִיט נֶעמֶען אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט, דָאס וֶועט דִיר בַּאשִׁיצְן פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס.

אִיךְ שִׁיק דִיר אַ מַעֲשֶׂה פַאר דִי 'קִינְדֶער עֲצָתוֹ אֱמוּנָה', דִי מַעֲשֶׂה וָואס מוֹהֲרָא"ש פְלֶעגְט דֶערְצֵיילְן פוּן שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ מִיט זַיין רִינְגְל, אִיךְ שְׁרַייבּ עֶס אַז דִי קִינְדֶער זָאלְן דָאס לֵיינֶען אִינְטֶערֶעסַאנְט:

קוּקְט אַלֶע, דֶער קֶענִיג לַאכְט שׁוֹין וַוייטֶער אוּן עֶר קוּקְט אוֹיף זַיין פִינְגֶער; וָואס מֵיינְט דָאס? וִוי אַזוֹי קֶען מֶען לַאכְן וֶוען מֶען הָאט אַ צָרָה? אַלֶע מֶענְטְשְׁן וֶוען זֵיי הָאבְּן אַ צָרָה וֵויינֶען זֵיי, אוּן דֶער גְרוֹיסֶער קֶענִיג לַאכְט! לָאמִיר גֵיין צוּם קֶענִיג אוּן אִים פְרֶעגְן.

גֶעוֶוען אִיז דָאס דֶער גְרוֹיסֶער קֶענִיג שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ, יֶעדֶע מָאל עֶר הָאט גֶעהַאט אַ צָרָה הָאט עֶר גֶעקוּקְט אוֹיף זַיין פִינְגֶער אוּן גֶעלַאכְט, וֶוען עֶפֶּעס הָאט אִים וֵויי גֶעטוּן הָאט מֶען אִים גֶעזֶען קוּקְן אוֹיף זַיין פִינְגֶער אוּן לַאכְן.

"אֲדוֹנֵינוּ הַמֶּלֶךְ, מִיר בֶּעטְן אִיבֶּער אַייעֶר כָּבוֹד, מִיר ווילְן וויסְן וָואס אִיז דָאס אַז יֶעדֶעס מָאל דֶער קֶענִיג גֵייט אַרִיבֶּער אַ שְׁוֶועריקֵייט קוּקְט דֶער קֶענִיג אוֹיפְ'ן פִינְגֶער אוּן שְׁמֵייכְלְט? מִיר ווילְן וויסְן וָואס דָאס בַּאדֵייט".

"קוּמְט אַהֶער נֶענְטֶער וֶועל אִיךְ עֶנְק גֶעבְּן צוּ פַארְשְׁטֵיין; קוּקְט וָואס אִיךְ הָאבּ אוֹיף מַיין פִינְגֶער, אִיךְ הָאבּ אַ רִינְגְל אוֹיסְגֶעקְרִיצְט אוֹיף אִיר דְרֵיי אוֹתִיּוֹת: ג ז י, אִיר וֵוייסְט וָואס דִי דְרֵיי אוֹתִיּוֹת מֵיינֶען? דִי דְרֵיי אוֹתִיּוֹת אִיז דִי רָאשֵׁי תֵּיבוֹת פוּן דִי וֶוערְטֶער 'גַּם זֶה יַעֲבוֹר', דֶער טַייטְשׁ אִיז: 'דָאס וֶועט אוֹיךְ אַרִיבֶּערְגֵיין'; יֶעדֶע מָאל עֶפֶּעס פַּאסִירְט גֶעבּ אִיךְ אַ קוּק אוֹיפְ'ן רִינְגְל אוּן אִיךְ חַזֶר צוּ זִיךְ 'עֶס וֶועט אַרִיבֶּערְגֵיין', עֶס וֶועט בֶּעסֶער וֶוערְן; דָאס מַאכְט מִיךְ פְרֵיילִיךְ, אוּן דֶערִיבֶּער שְׁמֵייכְל אִיךְ; אִיךְ קוּק נִישְׁט אוֹיף מַיין פִינְגֶער, אִיךְ קוּק אוֹיפְ'ן רִינְגְל, אִיךְ דֶערְמַאן זִיךְ פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיךְ גְלֵייבּ אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט מִיר הֶעלְפְן, עֶס וֶועט מִיר וֶוערְן בֶּעסֶער".

טֵייעֶרֶע קִינְדֶער, וֶוען עֶס פַּאסִירְט עֶפֶּעס אַ טְרוֹיעֶרִיגֶע גֶעשֶׁעֶנִישׁ, עֶפֶּעס טוּט וֵויי, אָדֶער אַ קִינְד טְשֶׁעפֶּעט - דַארְפְן מִיר גְלַייךְ טְרַאכְטְן פוּן דִי

דְרֵיי אוֹתִיוֹת ג ז י, עֶס וֶועט אַרִיבֶּערְגֵיין, און נִישְׁט וֶוערְן צֶעבְּרָאכְן און פַארְבִּיטֶערְט.

לָאמִיר אַלֶע זִינְגֶען: "עֶס וֶועט נָאךְ וֶוערְן בֶּעסֶער, עֶס וֶועט נָאךְ וֶוערְן בֶּעסֶער, דַארְפְסְט נָאר רֶעדְן צום בַּאשֶׁעפֶער, עֶר אִיז פון אַלֶעם גְרֶעסֶער, תְּפִלָּה עֶפְנְט אַלֶע שְׁלֶעסֶער, אִיךְ שְׁפִּיר שׁוֹין ווִי עֶס וֶוערְט מִיר בֶּעסֶער".

בֶּעט דֶעם מֶעלֶער עֶר זָאל מַאכְן אַ בִּילְד ווִי אַ קֶענִיג זִיצְט אוֹיף אַ שֵׁיינֶע מֶעכְטִיגֶע שְׁטִיל און לַאכְט צו זַיין פִינְגֶער, אוֹיפְ'ן פִינְגֶער הָאט עֶר אָן אַ רִינְגְל מִיט דִי דְרֵיי אוֹתִיוֹת ג ז י, אִין דִי זַייט שְׁטֵייעֶן פַארְוואוּנְדֶערְטֶע בַּאדִינֶער.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

## מַיין מַאן דֶער בַּטְלָן אָדֶער מַיין מַאן דֶער גֶעלוּנְגֶענֶער

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פָּרָשַׁת עֵקֶב, כ"א מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ'

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

אִיךְ הֶער אַלֶע טַעֲנוֹת וָואס אִיר הָאט אוֹיף אַייעֶר מַאן און אִיךְ גֶעבּ אַייךְ גֶערֶעכְט; אִיר זֶענְט הוּנְדֶערְט פְּרָאצֶענְט גֶערֶעכְט, אִיךְ וֶועל אִים זָאגְן עֶר זָאל גֵיין נֶעמֶען אַן אַרְבֶּעט און בְּרֶענְגֶען גֶעלְט אִיר זָאלְט נִישְׁט צַאמְפַּאלְן פון אַלֶע חוֹבוֹת.

אָבֶּער כְּדֵי אִיךְ זָאל מַצְלִיחַ זַיין מִיט אִים, אַז עֶר זָאל קֶענֶען אוֹיפְשְׁטֵיין צַייטְלִיךְ און אַהֵיים בְּרֶענְגֶען פַּרְנָסָה - דַארְפְט אִיר מִיר הֶעלְפְן. אִיר שְׁרַייבְּט אִינֶעם בְּרִיוו: "מַיין מַאן דֶער בַּטְלָן", אִיבֶּער צֶען מָאל בַּאטִיטְלְט אִיר אִים מִיט דֶעם נָאמֶען; "מַיין מַאן דֶער בַּטְלָן שְׁטֵייט אוֹיף שְׁפֶּעט", "מַיין מַאן דֶער בַּטְלָן בְּרֶענְגְט נִישְׁט קַיין פַּרְנָסָה", "מַיין מַאן דֶער בַּטְלָן הָאט חוֹבוֹת, נָאךְ פון אַלְס בָּחוּר"; אַז אִיר וֶועט אִים רוּפְן מִיטְ'ן צוּנָאמֶען "בַּטְלָן" - וֶועט עֶר בְּלַייבְּן אַ בַּטְלָן אָדֶער וֶוערְן אַ בַּטְלָן, עֶס אִיז נִישְׁט שַׁיָּיךְ אַ מֶענְטְשׁ זָאל זִיךְ

צַאמְנֶעמֶען אוֹיפְשְׁטֵיין אִינְדֶערפְרִי, גֵיין בְּרֶענְגֶען פַּרְנָסָה - וֶוען זַיין וַוייבּ שֶׁעֶנְדְט אִים אוּן שִׁינְדְט אִים דִי הוֹיט מִיטְ'ן אִים רוּפְן מִיטְ'ן צוּנָאמֶען: "מַיין מַאן דֶער בַּטְלָן".

דֶערִיבֶּער בֶּעט אִיךְ אַייךְ, אִיךְ וֶועל אִים שְׁרַייבְּן אַ בְּרִיוו עֶר זָאל אוֹיפְשְׁטֵיין צַייטְלִיךְ אוּן גֵיין בְּרֶענְגֶען פַּרְנָסָה, אָבֶּער אִיךְ זָאג אַייךְ קְלָאר פוּן פָארְאוֹיס אַז דָאס וֶועט נָאר אַרְבֶּעטְן אוֹיבּ אִיר וֶועט קוּקְן אוֹיף אִים גוּט, אִיר וֶועט אִים שֶׁעצְן אוּן אִים אָנְהוֹיבְּן רוּפְן מִיט אַ נֵייעֶם נָאמֶען, צוּם בֵּיישְׁפִּיל: "מַיין מַאן דֶער גֶעלוּנְגֶענֶער", "מַיין מַאן דֶער קְלוּגֶער", "מַיין מַאן דֶער צַדִיק", "מַיין מַאן מַיין לֶעבְּן"; נָאר אַזוֹי וֶועט עֶר זִיךְ קֶענֶען צַאמְנֶעמֶען, אוֹיפְשְׁטֵיין צַייטְלִיךְ אוּן אַהֵיים בְּרֶענְגֶען פַּרְנָסָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

**יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר דִי בִּילְדֶער וִוי מֶען לֶערְנְט אִין שׁוּל אִין יְרוּשָׁלַיִם**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת עֵקֶב, כ"א מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

יְיַשֶׁר כֹּחַ פַארְ'ן מִיר שִׁיקְן בִּילְדֶער וִוי מֶען לֶערְנְט אִין שׁוּל אִין יְרוּשָׁלַיִם.

בְּרֶענְג מִיר נָאךְ בִּילְדֶער פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, וִוי מֶען קוּמְט זִיךְ צוּזַאם אוּן וִוי מֶען לֶערְנְט, בִּפְרַט פוּן אוּנְזֶער שׁוּל אִין יְרוּשָׁלַיִם - וֶועסְטוּ מִיר מְחַיֶה' זַיין.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

### גֵיין אִין תְּפִיסָה מְחַזֵק זַיין אִידִישֶׁע אַיינְגֶעשְׁפַּארְטֶע

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת עֵקֶב, כ״א מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר בְּרֶסְלֶב, לִיבֶּערְטִי

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אַוַדַאי זָאלְסְטוּ רֶעדְן צוּ הָאבְּרֶךְ ... נֵרוֹ יָאִיר עֶר זָאל אַרַיינְשְׁטֶעלְן אַ מוֹדָעָה פַאר וֶוער עֶס וויל טוּן דִי חֶסֶד, גֵיין אִין תְּפִיסָה מְחַזֵק זַיין אִידִישֶׁע אַיינְגֶעשְׁפַּארְטֶע; לֵייג אַ מוֹדָעָה אַז וֶוער עֶס וויל טוּן דִי חֶסֶד זָאל זִיךְ מֶעלְדְן צוּ דִיר.

אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר הַנָאָה פוּן דִיר, גֶעזָאגְט אוּן גֶעטוּן; אִיךְ זָאג דִיר אֵיין וָוארְט אוּן דוּ טוּסְט לְמַעֲשֶׂה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

### וואוּיל אִיז אַייךְ אַז אִיר שִׁיקְט אַייעֶר מַאן קַיין אוּמַאן מִיט שִׂמְחָה

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת עֵקֶב, כ״א מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ׳

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

יְיַשֵׁר כֹּחַ פַארְ׳ן מִיר שְׁרַייבְּן נָאךְ יֶעדֶע צַאמְקוּם אַלֶע נֶעמֶען פוּן דִי בַּאטֵיילִיגְטֶע.

בְּנוֹגֵעַ ווִי אַזוֹי מוֹדִיעַ צוּ זַיין; דִי בֶּעסְטֶע זַאךְ אִיז צוּ מַאכְן צְוֵויי אָפְּטֵיילוּנְגֶען, אֵיינְס אוֹיף אִידִישׁ אוּן נָאךְ אֵיינְס אוֹיף לָשׁוֹן הַקוֹדֶשׁ פַאר דִי וָואס פַארְשְׁטֵייעֶן נִישְׁט קַיין אִידִישׁ, אַזוֹי וֶועלְן אַלֶע ווִיסְן וָואס מֶען אִיז מוֹדִיעַ. אַזוֹי טוּעֶן מִיר אִין אַמֶעריִקֶע, מִיר הָאבְּן אַ טֶעלֶעפָאן וואוּ מֶען מֶעלְדְט אַלֶעס אִין אִידִישׁ, אוּן בַּאזוּנְדֶערֶע קְנֶעפְּלֶעךְ אוֹיף אַנְדֶערֶע שְׁפְּרַאכְן.

וואוּיל אִיז אַייךְ אַז אִיר שִׁיקְט אַייעֶר מַאן קַיין אוּמַאן מִיט שִׂמְחָה, עֶר וֶועט אַהֵיים בְּרֶענְגֶען אַסַאךְ גוּטֶע מַתָּנוֹת פוּן רֶבִּי׳ן פַאר דִי גַאנְצֶע מִשְׁפָּחָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

**דִי פֵּייעֶר פַאר הַפָּצָה זָאל בְּרֶענֶען אִין דִיר בִּיז מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פָּרָשַׁת רְאֵה, כ״ה מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ וואוּנְטְשׁ דִיר אַ בְּרָכָה, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל דִיר הֶעלְפְן דִי פֵּייעֶר וָואס הָאט זִיךְ אִין דִיר אָנְגֶעצִינְדְן, דִי פֵּייעֶר פַאר הַדְפָּסַת וַהֲפָצַת סִפְרֵי רַבֵּינוּ - זָאל בְּרֶענֶען אוּן טְלִיעֶן אִין דִיר בִּיז מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען. זָאלְסְט דַיין גַאנְצֶע לֶעבְּן עוֹסֵק זַיין אִין דִי הֵיילִיגֶע זַאךְ פוּן מְקַרֵב זַיין אִידִישֶׁע קִינְדֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

מִיר פָּארְן יֶעצְט קַיין אוּמַאן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן, דוּ קוּמְסְט מִיט פוּלֶע הֶענְט; הוּנְדֶערְטֶער אוּן טוֹיזְנְטֶער סְפָרִים, קוּנְטְרֵסִים, גִּלְיוֹנוֹת, סִידוּ״ס, י״וּ עֶ״ס בִּי״ס וְכוּ׳ - הָאסְטוּ אוֹיסְגֶעטֵיילְט, אוֹיךְ הָאסְטוּ מְנַדֵב גֶעוֶוען דֶעם חֵדֶר הַדְפָּסָה גָּדוֹל.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט בְּקָרוֹב טְרֶעפְן דַיין זִיווּג אוּן אוֹיפְשְׁטֶעלְן אַ בַּיִת נֶאֱמָן בְּיִשְׂרָאֵל, דוּ אוּן דַיינֶע קִינְדֶער אוּן אֵיינִיקְלֶעךְ זָאלְן זַיין גְרוֹיסֶע מְפִיצִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה.

...

**מֶען דַארְף זִיךְ אָפְּגֶעבְּן צוּ פַארְעכְטְן דִי צֵיינֶער**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פָּרָשַׁת רְאֵה, כ״ז מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר בְּרֶסְלֶב, לִיבֶּערְטִי

צֵיינֶער אִיז נִישְׁט אַ זַאךְ מִיט וָואס מֶען שְׁפִּילְט זִיךְ; אוֹיבּ מֶען מַאכְט זִיךְ נִישְׁט צוּ טוּן, מֶען גֵייט נִישְׁט צוּם צֵיין דָאקְטֶער - קֶען מֶען זִיךְ זֶען אוֹיף דֶער עֶלְטֶער אָן קַיין צֵיינֶער.

נֶעם דַיינֶע קִינְדֶער צוּם צֵיין דָאקְטֶער, שְׁטֵיי אוֹיף דֶעם אוֹיף יֶעדְן קִינְד; עֶס אִיז נִישְׁט קַיין תֵּירוּץ צוּ זָאגְן: "אִין שְׁטֶעטְל אִיז נִישְׁטָא קַיין צֵיין דָאקְטֶער", קוֹדֶם כָּל עֶס אִיז יָא דָא, אוּן אַז נִישְׁט - זָאלְסְטוּ אַרַיינְפָארְן בִּיזְן שְׁטָאט צוּ הָאבְן גוּטֶע גֶעזוּנְטֶע צֵיין.

יֶעצְט וֶוען דַיין צֵיין אִיז דִיר חָרוּב פְּרֶעגְסְטוּ וָואס דוּ קֶענְסְט זִיךְ פָּארְנֶעמֶען אַ גוּטֶע קַבָּלָה פַאר אַ רְפוּאָה; דָאס זָאלְסְטוּ זִיךְ פָּארְנֶעמֶען, נִישְׁט צוּ לָאזְן וִויכְטִיגֶע זַאכְן אוֹיף מָארְגְן, קוּק וָואס פַּאסִירְט אַז מֶען פַארְנַאכְלֶעסִיגְט.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה.

...

**דִי שְׁפִּיל פוּנֶעם חָכָם אוּן תָּם אִיז גֶעוֶוען אוֹיסֶערְגֶעוֶוענְלִיךְ שֵׁיין**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת רְאֵה, כ"ז מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן מָרַת ... תִּחְיֶ', מְנַהֶלֶת בֵּית פֵּיגָא קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

וִויפִיל זֶענֶען מִיר שׁוּלְדִיג צוּ לוֹיבְן אוּן דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מִיר הַאלְטְן שׁוֹין דָא, גֶעעֶנְדִיגְט נָאךְ אַ יָאר בֵּית פֵּיגָא; גַאנְצֶע עֶלְף יָאר פוּן לֶערְנֶען מִיט אִידִישֶׁע קִינְדֶער תּוֹרָה וְיִרְאַת שָׁמַיִם, אוּן זֵיי וַוייזְן דָאס שֵׁיינְקֵייט פוּן תּוֹרָה אוּן אִידִישְׁקֵייט.

דִי פְּלֶע"י פוּנֶעם חָכָם אוּן תָּם אִיז גֶעוֶוען אוֹיסֶערְגֶעוֶוענְלִיךְ שֵׁיין, אַזַא שְׁטַארְקֶע הֲפָצָה, אַזַא שְׁטַארְקֶע חִינוּךְ; דִי תַּלְמִידוֹת וֶועלְן גֶעדֶענְקֶען דִי מַעֲשֶׂה דוּרְכְאוֹיס זֵייעֶר לֶעבְן, זֵיי וֶועלְן לֶעבְן מִיט דֶעם.

מַיינֶע שְׁוֶועסְטֶערְס אוּן אוֹיךְ פוּן מַיין וַוייבְ'ס גֶעשְׁוִויסְטֶער זֶענֶען גֶעקוּמֶען קוּקְן דִי פָארְשְׁטֶעלוּנְג. זֵיי רֶעדְן פוּן דֶעם, ווִי שֵׁיין דָאס אִיז גֶעוֶוען. דִי שְׁכּ֑חַ קוּמְט אֵייךְ פַאר אַלֶעס וָואס אִיר טוּט.

(חָסֵר).

...

### מֶען אִיז מְחַזֵק יֶענֶעם, אוּן מֶען וֶוערְט אַלֵיין שְׁטַארְק

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת רְאֵה, כ״ז מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרַט קָטָן מָרַת ... תִּחְיֶ׳ בְּרֶסְלֶב, לִיבֶּערְטִי

אַייעֶר מַאן אִיז גֶעקוּמֶען אַייךְ מַזְכִּיר זַיין אַז אִיר זֶענְט לֶעצְטְנְס אַבִּיסְל אָפְּגֶעשְׁוַואכְט, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אַייךְ שִׁיקְן אַ רְפוּאָה שְׁלֵימָה, אִיר זָאלְט זַיין גֶעזוּנְט אוּן שְׁטַארְק.

נֶעמְט דִי עֵצָה פוּן רֶבִּי׳ן, דִי עֵצָה פוּן שִׂמְחָה; זַיין פְרֵיילִיךְ הֵיילְט אוֹיס אַלֶע קְרֶענְק. נָאךְ אַן עֵצָה זָאגְט דֶער רֶבִּי (שִׂיחוֹת הָרַ״ן, סִימָן צט), מֶען זָאל רֶעדְן מִיט אַנְדֶערֶע חִיזוּק פוּן אֱמוּנָה; אַזוֹי וֶוערְט מֶען אַלֵיינְס שְׁטַארְק.

עֶס אִיז אַ וואוּנְדֶערְלִיכֶע עֵצָה; דֶער מֶענְטְשׁ קֶען אַלֶעס וִויסְן, מֶען קֶען וִויסְן אַלֶע חִיזוּק, אַלֶע שֵׁיינֶע זַאכְן אוּן עֶס מַאכְט נָאכְאַלְץ נִישְׁט אוֹיס פַאר אִים, נָאר אַזוֹי וִוי מֶען זָאגְט דָאס פַאר אַ צְוֵוייטְן - טַאנְצְן דִי דִיבּוּרִים צוּרִיק, עֶס קְלַאפְּט צוּרִיק אִין פְּנִים, אוּן מֶען אִיז זִיךְ אַלֵיינְס מְחַיֶ׳ מִיט דֶעם.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ רְפוּאָה שְׁלֵמָה.

...

### חֶסְרוֹנוֹת אִיז גְרִינְג צוּ טְרֶעפְן, דֶער קוּנְץ אִיז צוּ טְרֶעפְן גוּטֶע זַאכְן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת רְאֵה, כ״ז מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרַט קָטָן מָרַת ... תִּחְיֶ׳ בְּרֶסְלֶב, לִיבֶּערְטִי

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ צוּ הֶערְן אַז אִיר הָאט הֲנָאָה גֶעהַאט פוּן דִי פְּלֶע״י וָואס בֵּית פֵיגָא הָאט אַהֶערְגֶעשְׁטֶעלְט, דִי מַעֲשֶׂה פוּנֶעם ״חָכָם אוּן תָּם״ (סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת, מַעֲשֶׂה ט).

דָאס וָואס אִיר שְׁרַייבְּט, אִיר הָאט גֶעשְׁפִּירְט דוּרְכְאוֹיס דִי גַאנְצֶע פְּלֶע״י וִוי אַייעֶר מַאן אִיז דֶער חָכָם פוּן סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת, אוּן דִי אַלֶע אַנְדֶערֶע זַאכְן וָואס אִיר שְׁרַייבְּט פוּן אַייעֶר מַאן.

וָואס זָאל אִיךְ אַייךְ זָאגְן, חֶסְרוֹנוֹת קֶען מֶען טְרֶעפְן בַּיי יֶעדְן אֵיינֶעם, עֶס אִיז נִישְׁט קַיין קוּנְץ צוּ טְרֶעפְן פֶעלֶערְס בַּיים מַאן, אַ קוּנְץ אִיז צוּ טְרֶעפְן גוּטֶע זַאכְן בַּיי יֶענֶעם.

דִי פְּלֶע"י הָאבְּן מִיר נִישְׁט גֶעוִויזְן מֶען זָאל טְרַאכְטְן פוּן דֶעם אוּן יֶענֶעם, נָאר פוּן זִיךְ אַלֵיינְס. זִיךְ אַלֵיינְס אוּיסְדְרֵייעֶן דִי מַחֲשָׁבָה, אַלֵיינְס אָנְהוֹיבְּן לֶעבְּן אַ זִיס לֶעבְּן. דֶער הֵיילִיגֶער תַּם הָאט גָארְנִישְׁט גֶעהַאט אוּן עֶר אִיז גֶעוֶוען אַזוֹי פְרֵיילִיךְ, אֲפִילוּ דֶער חָכָם הָאט חוֹזֶק גֶעמַאכְט פוּן אִים, אַלֶע הָאבְּן גֶעלַאכְט פוּן אִים אַז עֶר אִיז גֶעוֶוען אַזוֹי פְרֵיילִיךְ.

בֶּעטְס דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיר זָאלְט זַיין פְרֵיילִיךְ, פָּאזִיטִיווּ, אִיר זָאלְט לִיבּ הָאבְּן אַייעֶר מַאן אוּן עֶר זָאל אַייךְ לִיבּ הָאבְּן, דִי שְׁכִינָה זָאל רוּעֶן בַּיי אַייךְ אִין שְׁטוּבּ.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה.

...

**דֶרֶךְ אֶרֶץ אִין שׁוּל, נֶעמְט נִישְׁט אַוֶועק פוּן דִי הֲנָאָה אִין לֶעבְּן**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת רְאֵה, כ"ח מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר בְּרֶסְלֶב, לִיבֶּערְטִי**

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעמַאכְט מִיט דִיר אַזַא גְרוֹיסֶע נֵס, דוּ הָאסְט חֲתוּנָה גֶעהַאט, הָאסְט בַּאקוּמֶען אַן "אֵשֶׁת חַיִל"; זָאלְסְטוּ אוּיסְנוּצְן דַיינֶע יוּנְגֶע יָארְן מִיט תּוֹרָה וּתְפִלָּה.

זַיי זִיךְ קוֹבֵעַ צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג אַכְצְן פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת. יֶעצְט הָאסְטוּ שׁוֹין נִישְׁט דִי יֵצֶר הָרָע פוּן אַלְס בָּחוּר, הָאסְט חֲתוּנָה גֶעהַאט, יֶעצְט קֶענְסְטוּ לֶערְנֶען תּוֹרָה בְּטָהֳרָה. אַזוֹי ווִי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (יוֹמָא עב:): "הַלּוֹמֵד תּוֹרָה בְּטָהֳרָה וְכוּ', נוֹשֵׂא אִשָּׁה, וְאַחַר כָּךְ לוֹמֵד תּוֹרָה".

אוֹיךְ בֶּעט אִיךְ דִיר זֵייעֶר, קוּם אִין שׁוּל מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ, מִיט הַכְנָעָה, טוּ זִיךְ אָן אַ הוּט אוּן רֶעקְל, מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט מֶען זָאל קוּמֶען אִין שׁוּל מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ אוּן הַכְנָעָה. אַז מֶען קוּמְט אִין שׁוּל מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ נֶעמְט עֶס נִישְׁט אַוֶועק

פון הָאבְּן אַ לֶעבְּן מִיט פַארְגֶעניגְן, מֶען קֶען הָאבְּן פָּא״ן, מֶען קֶען מַאכְן אַ לֶעבְּן, און פון דִי אַנְדֶערֶע זַייט וֵוייסְט מֶען דָאס הֵיילִיגְקֵייט פון אַ שׁוּל, דָאס גְרוֹיסְקֵייט פון דַאוֶוענֶען.

דַיין שְׁוֶוער און שְׁווִיגֶער בַּאדַאנְקֶען זִיךְ יֶעדְן טָאג פַאר אַזַא אֵיידֶעם וִוי דִיר, דו פִירְסְט זִיךְ מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ, דו רֶעדְסְט נִישְׁט וֶוען זֵיי רֶעדְן, בַּיי דִי סְעוּדָה זִיצְטוּ מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ, דו טַעֲנָה׳סְט נִישְׁט, דו מַאכְסְט נִישְׁט חוֹזֶק וְכוּ׳ וְכוּ׳.

שְׁרַייב מִיר דַיינֶע שִׁיעוּרִים און דַיינֶע סִיוּמִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה.

...

**וואוֹינְסְט אִין שְׁטֶעטְל, דַארְפְסְטוּ זִיךְ פִירְן מִיט דִי עֵצוֹת פון רֶבִּי׳ן**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרֵךְ - יוֹם ה׳ פָּרָשַׁת רְאֵה, כ״ח מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר בְּרֶסְלֶב, לִיבֶּערְטִי**

שְׁטַארְק זִיךְ בְּרוּדֶער, שְׁטַארְק זִיךְ מִיט אַלֶע דַיינֶע כֹּחוֹת. נֶעם דִי חִיזּוּק פון רֶבִּי׳ן, בַּאנוּץ זִיךְ מִיט דִי שֵׂכֶל, מִיט דִי עֵצוֹת. זַיי זִיךְ קוֹבֵעַ נָאךְ שִׁיעוּרִים, וַוייל יֶעצְט אִיז דִי צַייט פון אִינְוֶועסְטִירְן, אַוֶועקְלֵייגְן פַאר שְׁפֶּעטֶער.

דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן אַ גְרִינְגֶע זִיסֶע וֶועג צוּ לֶערְנֶען און אָנְקוּמֶען צוּ כָּל הַתּוֹרָה כּוּלָהּ; דוּרְךְ זָאגְן דִי וֶוערְטֶער פון דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה (כַּמְּבוֹאָר בְּשִׂיחוֹת הָרַ״ן, סִימָן עו). אֲפִילוּ מֶען פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט, אֲפִילוּ מֶען קֶען נִישְׁט דִי עִבְרִי - דָאךְ אִיז דָאס זֵייעֶר חָשׁוּב אוֹיבְן בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן. אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (שִׁיר הַשִּׁירִים רַבָּה ב, טו) אוֹיפְ׳ן פָּסוּק (שִׁיר הַשִּׁירִים ב, ד): "וְדִלּוּגוֹ עָלַי אַהֲבָה", וְלִיגְלוּגוֹ, דִי גְרַייזְן, עָלַי אַהֲבָה, אִיז בַּיי מִיר זֵייעֶר בַּאלִיבְּט.

וואוֹינְסְט אִין שְׁטֶעטְל, דַארְפְסְטוּ זִיךְ פִירְן מִיט דִי עֵצוֹת פון רֶבִּי׳ן. בַּיים רֶבִּי׳ן אִיז גֶעוֶוען דָאס עֶרְשְׁטֶע, לֶעצְטֶע און וִויכְטִיגְסְטֶע זַאךְ - הִתְבּוֹדְדוּת; רֶעדְן, שְׁמוּעֶסְן און דֶערְצֵיילְן אַלֶעס פַאר׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן. דו הָאסְט אַ שֵׁיינֶע

פֶעלְד אַרוּם דַיין שְׁטוּב, זָאלְסְטוּ גֵיין אַבִּיסְל שְׁפַּאצִירְן, דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן בֶּעטְן פַּאר אַלֶעס וָואס דוּ דַארְפְסְט, וּבְעִקָּר אוֹיף זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, אוּן דִי קִינְדֶער אוּן אֵיינִיקְלֶעךְ זָאלְן זַיין עֶרְלִיכֶע אִידְן.

בְּנוֹגֵעַ וְכוּ׳; דַאנְק דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן יֶעדְן טָאג דְרֵיי מִינוּט אִין אֵיין צוּ, וֶועסְטוּ הָאבְּן אַ גְרוֹיסֶע יְשׁוּעָה.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה.

...

**וָואס זֶענֶען דַיינֶע שִׁיעוּרִים? וָואס זֶענֶען דַיינֶע טוּאוּנְגֶען?**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת רְאֵה, כ״ח מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרער ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ הָאבּ שׁוֹין לַאנְג נִישְׁט גֶעהֶערְט פוּן דִיר, וָואס זֶענֶען דַיינֶע שִׁיעוּרִים? וָואס זֶענֶען דַיינֶע טוּאוּנְגֶען? זָכַרְנוּ יָמִים מִקֶּדֶם, דַיינֶע יוּנְגֶע יָארְן אִין יְשִׁיבָה; הָאסְט גֶעלֶערְנְט מִשְׁנַיוֹת מִיט אַזַא חַיוּת, מִיט אַן אוֹיסְטֶערְלִישֶׁע פְלַייסִיגְקֵייט, עֶס הָאט דִיר נִישְׁט אִינְטֶערֶעסִירְט קֵיין נַייעֶס, קֵיין פָּאלִיטִיק; אִיךְ הָאף דוּ הַאלְסְט נָאךְ אָן דַיין פְרִישְׁקֵייט, דַיין חַיוּת - בְּלִימוּד הַתּוֹרָה.

טֵייעֶרער בְּרוּדֶער, זַיי קְלוּג; גְרֵייט זִיךְ אָן אִין דִי יוּנְגֶע יָארְן מִיט אַסַאךְ מִשְׁנַיוֹת אוּן גְמָרָא, וַוייל נָאר דָאס בְּלַייבְּט אוֹיף דִי עֶלְטֶערֶע יָארְן, אוּן נָאר דָאס נֶעמְט מֶען מִיט אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

אִיךְ הָאף דוּ הָאסְט שׁוֹין טִיקֶעטְס פַּאר אוּמַאן, מִיר פָארְן מִיטְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ׳ס הִילְף דִינְסְטָאג פַּרְשַׁת נִצָּבִים. מִיר פָארְן קֵיין פוֹילְן, פוּן דָארְט פָארְן מִיר קֵיין אוּקְרֵיינָא, קֵיין אוּמַאן, צוּם צִיוּן קוֹדֶשׁ הַקֳּדָשִׁים; דֶער רֶבִּי וֶועט אוּנְז מְתַקֵּן זַיין.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה.

...

## הִשָּׁמֵר וְהִזָּהֵר צוּ טוּן עֶפֶּעס פַאר'ן מוֹסָד וָואס אִיז נִישְׁט גֶעזֶעצְלִיךְ

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת רְאֵה, כ"ח מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרְער ... נֵרוֹ יָאִיר בְּרֶסְלֶב, לִיבֶּערְטִי**

עֶס אִיז מִיר אִינְטֶערֶעסַאנְט אַז דוּ בַּאהַאלְסְט זַאכְן פוּן מִיר, דוּ דֶערְצֵיילְסְט מִיר נִישְׁט אַז מֶען הָאט אָפְּגֶעהַאלְטְן גְרוֹיס גֶעלְט צוּלִיבּ דֶעם אִינְגֶערְמַאן ...

וְויל אִיךְ דִיר זָאגְן, הִשָּׁמֵר וְהִזָּהֵר צוּ טוּן עֶפֶּעס פַאר'ן מוֹסָד וָואס אִיז נִישְׁט גֶעזֶעצְלִיךְ. לָאז זִיךְ אָפּ פוּן דֶעם קְרוּ"ק, בְּרֶענְג מִיר נִישְׁט קַיין גֶעלְט פוּן גְנֵיבוֹת, אִיךְ דַארְף נִישְׁט דִי סָארְט גֶעלְט.

אִיךְ בִּין זֵייעֶר דֶערְשְׁרָאקְן פוּן דִי גַאנְצֶע מַעֲשֶׂה אוּן נָאכְמֶער - פוּן דֶעם וָואס דוּ בַּאהַאלְסְט פוּן מִיר זַאכְן, אִיךְ וֵויס נִישְׁט וָואס נָאךְ דוּ בַּאהַאלְסְט פוּן מִיר.

קֶענְסְט אַרְבֶּעטְן פַאר מִיר נָאר אַז דוּ בַּאהַאלְסְט גָארְנִישְׁט פוּן מִיר, אוּן דוּ וֶועסְט מִיךְ פְרֶעגְן יֶעדֶע זַאךְ.

...

## עֶס אִיז יֶעצְט אַ שְׁעַת חֵירוּם, מֶען מוּז טוּן צוּ דִי זַאךְ

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת רְאֵה, כ"ח מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרְער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר צוּ הֶערְן פוּן דַיין הַתְמָדַת הַתּוֹרָה, דוּ לֶערְנְסְט טָאג טֶעגְלִיךְ צֶענְדְלִיגֶער בְּלֶעטֶער גְמָרָא ; וואוֹיל אִיז דִיר.

יֶעצְט וויל אִיךְ דִיר בֶּעטְן דוּ זָאלְסְט מִיט יֶעדְן אֵיינֶעם רֶעדְן דִבּוּרֵי אֱמוּנָה, דִבּוּרֵי הִתְחַזְּקוּת. עֶס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף מֶענְטְשְׁן אַזֶעלְכֶע שְׁוֶוערֶע צָרוֹת וְיִסּוּרִים, נִישְׁטָא אֵיינֶער וָואס זָאל נִישְׁט הָאבְן זַיינֶע שְׁוֶועריקֵייטְן, עֶס אִיז יֶעצְט אַ שְׁעַת חֵירוּם צוּ רֶעדְן מִיט יֶעדְן פוּן רֶבִּינְ'ס וֶוערְטֶער, אָנְטְרִינְקֶען דִי דוּרְשְׁטִיגֶע - פוּן רֶבִּינְ'ס קְוָואל.

דֶערִיבֶּער, וֶועם דוּ טְרֶעפְסְט, וֶועם דוּ זֶעסְט - זָאלְסְטוּ רֶעדְן דִבּוּרֵי אֱמוּנָה וְהִתְחַזְּקוּת, בִּיז יֶענֶער וֶועט אַזוֹי נִתְעוֹרֵר וֶוערְן אוּן דִיר פְרֶעגְן: "פוּן וואוּ הָאסְטוּ אַזֶעלְכֶע וֶוערְטֶער? ווי קוּמְט צוּ אַ פָּשׁוּט'ֶער בַּעַל עֲגָלָה (אַמָאלִיגֶע צַייטְן וָואלְט מֶען דִיךְ גֶערוּפְן בַּעַל עֲגָלָה, אֵיינֶער וָואס טְרָאגְט אוּן בְּרֶענְגְט מֶענְטְשְׁן) אַזֶעלְכֶע פֵייעֶרְדִיגֶע וֶוערְטֶער פוּן תַּכְלִית?" וֶועסְטוּ עֶנְטְפֶערְן: "עֶס אִיז דָא אַ רֶבִּי וָואס לִיגְט אִין אוּמַאן, זַיינֶע סְפָרִים לֶערְן אִיךְ, דָארְט אִיז דָא צוּ גֶעפִינֶען אַזֶעלְכֶע חִיזוּק פַאר אַלֶע מַצָבִים", אַזוֹי וֶועלְן אַלֶע מְקוּרָב וֶוערְן צוּם רֶבִּי'ן.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה.

...

**זֶע צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג דֶעם בְּלַאט גְמָרָא**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת רְאֵה, כ"ח מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר בְּרֶסְלֶב, לִיבֶּערְטִי**

זֶע צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג דֶעם בְּלַאט גְמָרָא. דוּ קֶענְסְט זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן דִי טַעַם וָואס מֶען בַּאקוּמְט אִין לֶעבְּן וֶוען מֶען אִיז שְׁטַארְק מִיט לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג אַ בְּלַאט גְמָרָא; עֶס אִיז אַן אַנְדֶערֶע טָאג, אַן אַנְדֶערֶע לֶעבְּן.

אַז דוּ קֶענְסְט נֶעמֶען אַ חַבְרוּתָא, אָדֶער אִינְדֶערְפְרִי אָדֶער בַּייַנאכְט - זִיךְ קוֹבֵעַ זַיין צוּ לֶערְנֶען דֶעם דַף - מַה טּוֹב וּמַה נָּעִים, אָדֶער גֵיין צוּם שִׁיעוּר גְמָרָא, אוּן אַז נִישְׁט - זָאלְסְטוּ לֶערְנֶען פַאר דִיר אַלֵיינְס, אוּן אַז דוּ פַארְשְׁטֵייסְט נִישְׁט - זָאלְסְטוּ זָאגְן דִי וֶוערְטֶער אָן פַארְשְׁטֵיין; וֶועסְטוּ זַיין אָפְּגֶעהִיטְן פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס.

טֵייעֶרֶער בְּרוּדֶער, אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, הֶעלְף מִיר בּוֹיעֶן דִי שְׁטֶעטְל עֶס זָאל זַיין אַ פְּלַאץ פוּן תּוֹרָה וּתְפִלָּה, אַז דֶער בֵּית הַמֶּדְרָשׁ וֶועט זַיין אַ פְּלַאץ וואוּ מֶען לֶערְנְט אוּן דַאוֶונְט אוּן מֶען שְׁמוּעֶסְט נָאר פוּן הִתְחַזְּקוּת, מִיט דֶעם הֶעלְפְט מֶען מִיר בּוֹיעֶן דֶעם שְׁטֶעטְל; נָאר דוּרְךְ תּוֹרָה וּתְפִלָּה וֶועט דֶער שְׁטֶעטְל הָאבְּן אַ קִיוּם.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה.

...

### דִי נִיגוּנִים אוֹיף דִי נֵייעֶ סִידִי "אִיךְ בִּין נִישְׁט אַלֵיין"

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פָּרָשַׁת רְאֵה, כ"ח מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... **נֵרוֹ יָאִיר בְּרֶסְלֶב, לִיבֶּערְטִי**

אִיךְ בִּין אַזוֹי פְרֵיילִיךְ אַז דִי נֵייעֶ סִידִי אִיז שׁוֹין אַרוֹיסְגֶעקוּמֶען. דָאס אִיז שׁוֹין דִי פֶערְטֶע "טַאנְץ מִיט אֱמוּנָה", דִי נִיגוּנִים זֶענֶען נִישְׁט אַבִּי נִיגוּנִים, דָאס זֶענֶען נִיגוּנִים פוּן הִתְבּוֹדְדוּת; בִּשְׁעַתְ'ן שְׁמוּעֶסְן מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִינְמִיטְן בֶּענְקֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן - זֶענֶען גֶעמַאכְט גֶעוָוארְן רוֹב נִיגוּנִים.

דִי נֵייעֶ סִידִי "אִיךְ בִּין נִישְׁט אַלֵיין" הָאט צֶען נִיגוּנִים, חִיזוּק אוֹיף אַלֶע נְקוּדוֹת וָואס מֶען לֶערְנְט אִין הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ:

נִיגוּן 1) תְּפִלָּה. דֶער נִיגוּן דֶערְמַאנְט אוּנְז מֶען זָאל וִויסְן אַז עֶס אִיז דָא מִיט וֶועם צוּ שְׁמוּעֶסְן, 'דֶער בַּאשֶׁעפֶער הֶערְט מִיךְ אוֹיס, אִיךְ בִּין נִישְׁט אַלֵיין, אִיךְ הָאבּ וואוּ צוּ גֵיין, דֶער בַּאשֶׁעפֶער הֶערְט מִיךְ שְׁטֶענְדִיג אוֹיס'.

נִיגוּן 2) תּוֹרָה. דֶער נִיגוּן אִיז גֶעבּוֹיט אוֹיף שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן עו; דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן לֶערְנֶען, "אֵין צְרִיכִין בְּלִימוּד רַק הָאֲמִירָה", דֶער עִיקָר אִיז לֶערְנֶען, זָאגְן דִי וֶוערְטֶער פוּן תּוֹרָה, אֲפִילוּ אָן פַארְשְׁטֵיין.

נִיגוּן 3) שָׁלוֹם בַּיִת. דֶער נִיגוּן זָאגְט אוּנְז וָואס אִיז אַן עוֹבֵד הַשֵּׁם; דֶער וָואס הֶעלְפְט אִין שְׁטוּבּ. וֶוער אִיז אַן עֶרְלִיכֶער אִיד? דֶער וָואס פִירְט זִיךְ מִיט שָׁלוֹם אוּן מִיט לִיבְשַׁאפְט אִין שְׁטוּבּ.

נִיגוּן 4) אֱמוּנָה. דֶער נִיגוּן זָאגְט אוּנְז וָואס מוֹהֲרָא"שׁ הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט, מִיר זָאלְן חַזֶרְ'ן אֱמוּנָה, אַלֶעס אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער; דָאס בַּארוּאִיגְט פוּן אַלֶע שְׁרֶעקֶעדִיגֶע נֵייעֶס וְכַדוֹמֶה.

נִיגוּן 5) מְמַלֵּא כָּל עַלְמִין. דֶער נִיגוּן בְּרֶענְגְט אַרוֹיס דָאס שֵׁיינְקֵייט פוּן לֶעבְּן מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶוען מֶען וֵוייסְט אַז אַלֶעס אִיז מְמַלֵּא כָּל עַלְמִין וְסוֹבֵב כָּל עַלְמִין, אֵין שׁוּם מְצִיאוּת מִבַּלְעָדֶיךָ יִתְבָּרַךְ כְּלָל, וּבְכָל תְּנוּעָה

וּתְנוּעָה שָׁם אַלּוּפוֹ שֶׁל עוֹלָם. מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט, דֶער נִיגוּן וֶועט מָשִׁיחַ זִינְגֶען מִיט דִי גַאנְצֶע וֶועלְט, יֶעדֶער וֶועט וִויסְן אַז אַלֶעס אִיז נָאר אֵייבֶּערְשְׁטֶער, דִי גַאנְצֶע בְּרִיאָה אִיז אֵייבֶּערְשְׁטֶער.

נִיגוּן 6) תִּיקוּן הַכְּלָלִי. דֶער נִיגוּן שְׁרֵייט אוֹיס דִי עֵצָה אוּן תִּיקוּן פַּאר וֶוער עֶס אִיז נֶעבֶּעךְ אַרָאפְּגֶעפַאלְן אִין פְּגַם הַבְּרִית, זָאגְן דִי צֶען קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִלִּים, קַאפִּיטְל טז, לב, מא, מב, נט, עז, צ, קה, קלז, קנ; דָאס פַּארְרֶעכְט דֶעם מֶענְטְשׁ, מֶען וֶוערְט אָפְּגֶעוַואשְׁן פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס, מֶען וֶוערְט רֵיין.

נִיגוּן 7) קִינְדֶער. דֶער נִיגוּן זִינְגֶען דִי עֶרְלִיכֶע מִשְׁפָּחוֹת וָואס גֵייעֶן נָאךְ דִי תּוֹרָה, דִי צַדִּיקִים; מֶען גֵייט נִישְׁט נָאךְ דִי לִינְקֶע גַאס פוּן נִישְׁט בְּרֶענְגֶען קִינְדֶער מִיטְ'ן טַעֲנָה אַז מֶען קֶען נִישְׁט הָאבְּן צַייט פַּאר זִיךְ אוֹיב מֶען הָאט אַ גְרוֹיסֶע מִשְׁפָּחָה, דֶער נִיגוּן זִינְגְט: "אַ מְחַיֶ' גְרוֹיסֶע מִשְׁפָּחָה, יֶעדֶע קִינְד בְּרֶענְגְט נָאר הַצְלָחָה".

נִיגוּן 8) אַלֵיינְס מִיטְ'ן בַּאשֶׁעפֶער. מֶענְטְשְׁן זֶענֶען צֶעבְּרָאכְן, מֶען זָאגְט 'אִיךְ בִּין אַלֵיין, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קֵיינֶעם', מֶען פַּארְגֶעסְט אַז מֶען אִיז נִישְׁט אַלֵיין, מֶען אִיז אַלֵיינְס מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אַז מֶען אִיז אַלֵיינְס מִיטְ'ן בַּאשֶׁעפֶער, מֶען שְׁמוּעֶסְט זִיךְ אוֹיס מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֵיינְס, דֶעמָאלְט אִיז אַלֵיין אַ גוּטֶע זַאךְ. מֶען קֶען טְרַאכְטְן שְׁלֶעכְט 'אִיךְ בִּין אַלֵיין', מֶען קֶען אָבֶּער טְרַאכְטְן טִיפֶער, 'אִיךְ בִּין אַלֵיינְס מִיטְ'ן בַּאשֶׁעפֶער', דָאס אִיז שׁוֹין אַ גְרוֹיסֶע מַדְרֵיגָה.

נִיגוּן 9) שְׁכֹּחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער. דֶער נִיגוּן אִיז דֶער מְקוֹר הַיְשׁוּעוֹת, וַוייל וֶוען מֶען זִינְגְט אוּן זָאגְט: "שְׁכֹּחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער פַּאר מַיין לֶעבְּן, שְׁכֹּחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער פַּאר מַיין וַוייבּ אוּן קִינְדֶער" - דָאס עֶפְנְט אוֹיף דִי הִימְלֶען אוּן עֶס גִיסְט יְשׁוּעוֹת אוּן רְפוּאוֹת; וִוי מֶער מֶען זִינְגְט "שְׁכֹּחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער", מֶען רֶעכְנְט אוֹיס נָאךְ אוּן נָאךְ פְּרָטִים - וֶוערְט מֶען נֶענְטֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן ב): "כִּי כָל מַה שֶׁיּוֹדְעִין וּמַכִּירִין אוֹתוֹ יִתְבָּרַךְ בְּיוֹתֵר", וִוי מֶער מֶען דַאנְקְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, "סְמוּכִין אֵלָיו בְּיוֹתֵר", וֶוערְט מֶען מֶער אוּן מֶער נֶענְטֶער.

נִיגוּן 10) כֹּל הַנְּשָׁמָה. דָאס אִיז אוֹיךְ תּוֹדָה וְהוֹדָאָה, דַאנְקֶען אוּן לוֹיבְּן

דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף יֶעדֶע אָטֶעם, אוֹיף יֶעדֶע פְּרַט אִין לֶעבְּן.

דִי סִידִי אִיז הֶערְלִיךְ שֵׁיין, אִיךְ ווִיל דִיר זֵייעֶר בֶּעטְן זָאלְסְט שׁוֹין אָנְהוֹיבְּן נָאךְ אַ סִידִי, אִיךְ הָאף עֶס וֶועט נִישְׁט נֶעמֶען אַזוֹי לַאנְג. אוֹיךְ זָאלְסְטוּ עֶס מַאכְן מֶער פָּארְגֶעשְׁרִיטְן אַז דִי יוּגְנְט זָאל דָאס וֶועלְן הֶערְן; אַנְשְׁטָאט הֶערְן לֵיידִיגֶע נִיגוּנִים, פּוּסְטֶע נִיגוּנִים - זָאלְן זֵיי וֶוערְן אָנְגֶעפִילְט מִיט אֱמוּנָה, מִיט בִּטָּחוֹן וְכוּ'.

יֶעצְט פָּארְן מִיר שׁוֹין צוּם רֶבִּי'ן. וֶוען דוּ וֶועסְט זַיין בַּיים צִיּוּן זָאלְסְטוּ דֶערְצֵיילְן דֶעם רֶבִּי'ן אַז דוּ מַאכְסְט דִי שֵׁיינֶע סִידִי טַאנְץ מִיט אֱמוּנָה.

דִי סִידִי אִיז זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע הֲפָּצָה, הַלְוַאי וָואלְסְטוּ זִיךְ צוּגֶעפְּלַייסְט אוּן אַרוֹיסְגֶעגֶעבְּן יֶעדֶע חוֹדֶשׁ אַ סִידִי, צוּרִיק צוּ בְּרֶענְגֶען אַלֶע אִידְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה.

...

### דִי פֶּערְטֶע מֵיידְל שׁוּלֶע בֵּית פֵּיגָא

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת שׁוֹפְטִים, ב' אֱלוּל, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

הַיינְט אִיז מִיר זֵייעֶר אַ פְרֵיילִיכֶע טָאג, הַיינְט הָאט זִיךְ גֶעעֶפְנְט דִי פֶּערְטֶע מֵיידְל שׁוּלֶע בֵּית פֵּיגָא. מִיר הָאבְּן גֶעעֶפְנְט פַאר צֶען יָאר צוּרִיק אַ בֵּית פֵּיגָא שׁוּלֶע אִין ווִילְיַאמְסְבּוּרְג, פַאר דְרֵיי יָאר צוּרִיק הָאבְּן מִיר גֶעעֶפְנְט אִין קִרְיַת בְּרֶסְלֶב לִיבֶּערְטִי, תשפ"ב אִין קִרְיַת יוֹאֵל אוּן נֶעכְטְן הָאבְּן מִיר גֶעעֶפְנְט אִין יְרוּשָׁלַיִם; דִי שִׂמְחָה אִיז זֵייעֶר גְרוֹיס, אֵין לְשַׁעֵר! מֶען זֶעט ווִי מוֹהֲרָא"שׁ פְּרֶעט זִיךְ אִין הִימְל פַאר דִי תַּלְמִידִים, מִיר זָאלְן הָאבְּן אַ גוּטֶע חִינוּךְ פַאר אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער.

ווִיפִיל אִיךְ וֶועל דִיר שְׁרַייבְּן וָואס אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער בַּאקוּמֶען - וֶועסְטוּ נָאכְאַלְץ נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין. יֶעדְן טָאג הֶער אִיךְ מַעֲשִׂיּוֹת, גוּטֶע גְרוּסְן פוּן אוּנְזֶערֶע מְלַמְדִים אוּן טִיטְשֶׁערְס, אוּן אַזוֹי אוֹיךְ פַארְקֶערְט; צוּם בֵּיישְׁפִּיל,

גֶעכְטְן בִּין אִיךְ גֶעגַאנְגֶען אִין חֵדֶר גֶעבְּן אַ שִׁיעוּר פַאר דִי מְלַמְדִים, נָאכְן שִׁיעוּר בִּין אִיךְ אַרוּם גֶעגַאנְגֶען אִין דִי קְלַאסְן מוּטִיגְן דִי מְלַמְדִים אוּן גֶעבְּן גוּטֶע וֶוערְטֶער פַאר דִי קִינְדֶער; אִיךְ פְּרוּבִּיר דָאס צוּ טוּן שְׁטֶענְדִיג, עֶפֶּענֶען דִי טִיר פוּן כִּתָּה אוּן זָאגְן הוֹיךְ אוֹיפְ'ן קוֹל: "אַזֶעלְכֶע גוּטֶע קִינְדֶער, אַזֶעלְכֶע ווֹאוֹילֶע קִינְדֶער"; דָאס עֶפְּנְט אוֹיף דִי מֹחוֹת פוּן דִי קִינְדֶער, עֶס מַאכְט גְרִינְגֶער פַארְ'ן מְלַמֵד.

מִיט מִיר אִיז גֶעוֶוען אַ אִינְגֶערְמַאן, אַ גַאסְט פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, עֶר הָאט מִיר בַּאגְלֵייט. בַּיי אֵיין כִּתָּה זֶע אִיךְ וִוי זַיינֶע אוֹיגְן וֶוערְן אִים נַאס, עֶר וֶוערְט זֵייעֶר אִיבֶּערְגֶענוּמֶען; אִיךְ פְרֶעג אִים: "וָואס גֵייט פָאר?" זָאגְט עֶר מִיר: "אִיךְ זֶע דָא עֶפֶּעס וָואס דֶערְמַאנְט מִיךְ עֶפֶּעס שְׁלֶעכְט..." עֶר וַוייזְט מִיר וִוי אִינְמִיטְן קְלַאס וַואלְגֶערְן זִיךְ שִׁיךְ פוּן קִינְדֶער; גֶעוֶוענְלִיךְ אִיז דָאס פוּן קִינְדֶער וָואס מֶען שְׁטֵייט נִישְׁט אוֹיף זֵיי אִין שְׁטוּב אַז אַלֶע זָאלְן גֵיין מִיט שִׁיךְ, אִיז פוּן גֶעווֹאוֹינְהֵייט וַוארְפְן זֵיי אַרָאפּ דִי שִׁיךְ בִּשְׁעַתְ'ן לֶערְנֶען אוּן דַאוֶונֶען. דֶער אִינְגֶערְמַאן דֶערְצֵיילְט מִיר: "אִיךְ הָאבּ גֶעכַאפְּט מַכּוֹת רֶצַח פַארְ'ן אוֹיסְטוּן דִי שִׁיךְ; מַיין מְלַמֵד אִין כִּתָּה ח' הָאט מִיר גֶעהֵייסְן צוּרִיק אָנְטוּן דִי שִׁיךְ אוּן אִיךְ הָאבּ אִים גֶעפָאלְגְט, אָבֶּער אַפָּאר מִינוּט שְׁפֶּעטֶער הָאבּ אִיךְ דָאס נָאכְאַמָאל אוֹיסְגֶעטוּן, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעכַאפְּט וָואס אִיךְ טוּ, דָאס אִיז גֶעוֶוען פוּן רְגִילוּת; דֶער מְלַמֵד הָאט מִיךְ גֶעשִׁיקְט צוּם מְנַהֵל, 'הֲיִתָּכֵן אַ קִינְד אַ פַארְבְּרֶעכֶער, עֶר טוּט אוֹיס דִי שִׁיךְ!' אוּן דֶער מְלַמֵד מִיטְ'ן מְנַהֵל הָאבְּן מִיר גֶע'הַרְגְ'עֶט אוּן גֶע'רַצְחְ'עֶט, אִיךְ בִּין אַהֵיים גֶעקוּמֶען אוֹיפְגֶעשְׁוָואלְן, וֶועגְן דֶעם וֵויין אִיךְ, אוּן פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט בִּין אִיךְ אַזוֹי מְקַנֵא דִי קִינְדֶער אַז זֵיי לָאזְט מֶען נַאטִירְלִיךְ, מֶען לָאזְט זֵיי לֶעבְּן".

אַזוֹי קֶען אִיךְ דִיר דֶערְצֵיילְן יֶעדְן טָאג מַעֲשִׂיּוֹת וָואס אִיךְ הֶער פוּן בָּחוּרִים אוּן אִינְגֶעלַייט; דָאס אִיז שׁוֹין הַיינְט וָואס אַלֶע זָאגְן: "הַיינְט אִיז שׁוֹין נִישְׁט וִוי אַמָאל, הַיינְט שְׁלָאגְט מֶען נִישְׁט, הַיינְט פַארְשֶׁעמְט מֶען נִישְׁט"; דִי לִיגְנְט אַז 'הַיינְט שְׁלָאגְט מֶען נִישְׁט אוּן מֶען פַארְשֶׁעמְט נִישְׁט' - דָאס אִיז זִיךְ צוּ בַּארוּאִיגְן מֶען זָאל זִיךְ אַלֵיינְס נַארְן אַז דִי קִינְדֶער בַּאקוּמֶען דָאס בֶּעסְטֶע חִינוּךְ וָואס אִיז דָא.

אִיךְ דַאנְק דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר הָאט אוֹיךְ מִיר רַחְמָנוּת גֶעהַאט, מִיךְ מְקָרֵב גֶעוֶוען צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן, מִיךְ גֶעבְּרֶענְגְט אִין הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ.

אִיךְ הָאבּ דִיר נָאךְ אַסַאךְ צוּ שְׁרַייבְּן, אִיךְ דַארְף לוֹיפְן צוּ דִי בָּחוּרִים.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

### מֶען טָאר זִיךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט פַארְלִירְן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת שׁוֹפְטִים, ב׳ אֱלוּל, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

זַיי מִיר מוֹחֵל, אִיךְ הָאבּ עֶרְשְׁט יֶעצְט גֶעזֶען דַיין בְּרִיוו, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט זוּמֶער קַיין טֶעלֶעפָאן אוּן אוֹיךְ נִישְׁט אִימֶעיל; יֶעדֶע פָּאר טֶעג קֶען אִיךְ זֶען מַיינֶע אִימֶעילְס, אִיךְ הָאבּ עֶרְשְׁט יֶעצְט גֶעזֶען וָואס דוּ גֵייסְט אַרִיבֶּער.

אַז דוּ וֶועסְט קוּמֶען אִין שְׁטֶעטְל וֶועל אִיךְ מַאכְן צַייט פַאר דִיר; מִיטְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ׳ס הִילְף וֶועלְן מִיר זֶען אוֹיבּ מֶען קֶען נָאךְ רַאטֶעוֶוען דַיין שְׁטוּבּ אָדֶער נִישְׁט.

וָואס עֶס זָאל נָאר זַיין, דוּ דַארְפְסְט זִיךְ שְׁטַארְקְן, דוּ טָארְסְט זִיךְ נִישְׁט פַארְלִירְן; פַארְלִיר נִישְׁט דַיין אֱמוּנָה, וֵוייס אוּן גְלֵייבּ אַז אַלֶעס אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, נִישְׁטָא קַיין פֶּערְצוּפַאל, אַלֶעס אִיז עֶר אַלֵיינְס; אֲפִילוּ דַיין וַוייבּ אִיז אוֹיךְ פוּן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן וָואס דוּ גֵייסְט יֶעצְט אַרִיבֶּער אִיז אוֹיךְ נָאר פוּן אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען טָאר זִיךְ נִישְׁט פַארְלִירְן.

אִיךְ וַוארְט דוּ זָאלְסְט אַרִיבֶּער קוּמֶען, אִיךְ וֶועל מַאכְן צַייט פַאר דִיר.

...

**הֶעלְפְן דֶעם רֶבִּי'ן וֶועט נִישְׁט שָׁאטְן פַאר אַ שִׁידוּךְ**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פָּרָשַׁת שׁוֹפְטִים, ב' אֱלוּל, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרְער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיינֶע בְּרִיוו.

אִיךְ וֶועל דִיר דֶערְצֵיילְן וָואס אִיךְ הָאבּ בֵּייגֶעוואוֹינְט בַּיי מוֹהֲרָא"שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ. מִיר הָאבְּן גֶעעֶפְנְט דִי חֵדֶר הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ אִין אַמֶערִיקֶע אִין יָאר תש"ע, אִין אַמֶערִיקֶע טְרָאגְט מֶען דִי קִינְדֶער מִיט בָּאסֶעס אִין חֵדֶר. אִיךְ הָאבּ דֶעמָאלְט נִישְׁט גֶעקֶענְט נֶעמֶען אִינְגֶעלַייט זָאלְן אַרְבֶּעטְן פַאר דִי מוֹסָד אוּן זֵיי בַּאצָאלְן, וַוייל מִיר הָאבְּן גֶעהַאט צֶען צְוָואנְצִיג קִינְדֶער, וָואס קֶען נִיטְאַמָאל דֶעקְן דִי קָאסְט פוּן דִי רֶענְט פוּן דִי דִירָה וואוּ מִיר הָאבְּן אָנְגֶעהוֹיבְּן דִי חֵדֶר, אוּן זִיכֶער נִישְׁט דִי מְלַמְדִים; הָאבְּן מִיר גֶענוּמֶען בָּחוּרִים צוּ הֶעלְפְן דִי חֵדֶר אוּן דְרֵייוְון דִי בָּאסֶעס, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער.

מִיר הָאבְּן גֶעהַאט זֵייעֶר גֶעטְרֵייעֶ בָּחוּרִים וָואס הָאבְּן גֶעטְרָאגְן דִי קִינְדֶער אוּן גֶעבְּרֶענְגְט דִי קִינְדֶער מִיט זֵייעֶר גַאנְצֶע הַארְץ; מִיר הָאבְּן קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעגֶעבְּן קַיין גֶעהַאלְט פַאר בָּחוּרִים, זֵיי הָאבְּן דָאס גֶעטוּן מִיט דִי גְרֶעסְטֶע שִׂמְחָה צוּ הֶעלְפְן בּוֹיעֶן דִי מוֹסְדוֹת. דֶעמָאלְט הָאבְּן מִיר נִישְׁט גֶעהַאט דִי פָּאר דָאלֶער צוּ קֶענֶען אָנְפִילְן דִי בָּאסֶעס אוּן דִי וֶוענְס מִיט גֶעז, אֵיינֶער פוּן דִי בָּחוּרִים אִיז גֶעוֶוען אַזוֹי גֶעטְרֵיי, עֶר הָאט גֶעלֵייגְט זַיין אֵייגֶענֶע גֶעלְט פַאר גֶעז.

וַיְהִי הַיוֹם, זַיין טַאטֶע אִיז גֶעקוּמֶען צוּ מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְן אַז דָאס וָואס עֶס מַאכְט זִיךְ נִישְׁט קַיין שִׁידוּךְ פַאר אִים - אִיז וַוייל עֶר דְרֵייוְוט דִי בָּאס פַאר בְּרֶסְלֶב, דֶערִיבֶּער גֵייט אִים נִישְׁט קַיין שִׁידוּךְ. מוֹהֲרָא"שׁ הָאט נִישְׁט גֶע'טַעֲנָה'ט מִיט עֶלְטֶערְן, מוֹהֲרָא"שׁ הָאט אִים גֶעגֶעבְּן גֶערֶעכְט. שְׁפֶּעטֶער הָאט מִיר מוֹהֲרָא"שׁ גֶעזָאגְט: "דֶער טַאטֶע מֵיינְט אַז בְּרֶסְלֶב אִיז דִי אָפְּהַאלְט פַאר זַיין שִׁידוּךְ, וָואס וֶועט זַיין יֶעצְט וֶוען עֶר וֶועט אִים אַוֶועקְנֶעמֶען פוּן בְּרֶסְלֶב, וֶועט עֶר דֶען יָא הָאבְּן אַ שִׁידוּךְ?!" לְמַעֲשֶׂה אִיז זַיין שִׁידוּךְ אָנְגֶעקוּמֶען נָאר פוּן בְּרֶסְלֶב.

וֶוען מוֹהֲרָא"שׁ אִיז נִסְתַּלֵק גֶעוָוארְן אִיז דֶער בָּחוּר גֶעפָארְן צוּ דִי לְוַיָ'

און וָוען מֶען הָאט גֶעעֶפֶנְט מוֹהַרָא"שְ'ס דירָה אִין יַבְנְאֵל אִיז שׁוֹין גֶעלֶעגְן דִי צַוָאָה אָנְגֶעגְרֵייט אוֹיפְ'ן טִישׁ, מֶען הָאט גְלַייךְ גֶעמַאכְט קָאפִּיס פַאר אַלֶעמֶען. דֶער בָּחוּר הָאט גֶעזֶען אִין דִי צַוָאָה וִוי מוֹהֲרָא"שׁ אִיז מַבְטִיחַ, וָוער עֶס וֶועט קוּמֶען צוּ זַיין צִיוּן און אוֹיסְזָאגְן תְּהִלִּים זָאגְט עֶר צוּ מִיט אַ הַבְטָחָה חֲזָקָה אַז עֶר וֶועט נִישְׁט רוּעֶן בִּיז עֶר בַּאקוּמְט זַיין שִׁידוּךְ; אוֹמֵר וְעוֹשֶׂה, עֶר הָאט אוֹיסְגֶעזָאגְט תְּהִלִּים און אוֹיפְ'ן וֶועג אַהֵיים, אוֹיפְ'ן פְלִיגֶער, אִיז גֶעוֶוען אַ פָּארְפָאלְק וָואס זֶענֶען גֶעפָארְן צוּ דִי לְוַיָ', זֵיי וואוֹינֶען הַיינְט אִין שְׁטֶעטְל; דִי פְרוֹי זָאגְט פַארְ'ן מַאן: "מִיר גֶעפֶעלְט דֶער בָּחוּר, אִיךְ טְרַאכְט אַ שִׁידוּךְ", און אַפָּאר טֶעג שְׁפֶּעטֶער אִיז גֶעוָוארְן דִי שִׁידוּךְ.

צוּרִיק צוּם מַעֲשֶׂה, דֶעמָאלְט בִּין אִיךְ גֶעגַאנְגֶען מִיט אַ צְוֵוייטֶע בָּחוּר צוּ מוֹהֲרָא"שׁ, דֶער בָּחוּר הָאט גֶעוָואלְט אַ בְּרָכָה פַאר אַ שִׁידוּךְ. אִיךְ הָאבּ גֶעזָאגְט פַאר מוֹהֲרָא"שׁ אַז דֶער בָּחוּר נֶעמְט אִיבֶּער דֶעם אַנְדֶערְן בָּחוּר, הָאט מוֹהֲרָא"שׁ אִים גֶעזָאגְט: "אַז דוּ וֶועסְט דְרֵייוְון פַאר דִי רֶבִּי'ס מוֹסְדוֹת וֶועט דָאס דִיר גָארְנִישְׁט שָׁאטְן פַאר דַיין שִׁידוּךְ", עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ שְׁוֶוערֶע נִסָיוֹן פַארְ'ן בָּחוּר; זַיינֶע חֲבֵרִים, נָאנְטֶע חֲבֵרִים - הָאבְּן אִים אָפְּגֶערֶעדְט, מֶען רֶעדְט פוּן חֲבֵרִים פוּן יְשִׁיבָה; זֵיי הָאבְּן אִים גֶעזָאגְט: "עַד כַּאן, מֶען דַארְף טַאקֶע הֶעלְפְן דֶעם רֶבִּי'ן, אָבֶּער זִיךְ אַרוֹיפְזֶעצְן אוֹיף אַ גְרוֹיסֶע גֶעלֶע בָּאס און אַרוּם פָארְן אִין שְׁטָאט, וָואס יֶעדֶער קוּקְט וִוי אַזוֹי אַ יוּנְגֶער וואוֹילֶער בָּחוּר, אַ בָּחוּר אַ יְרֵא שָׁמַיִם, אַ בָּחוּר אַ מַתְמִיד מִיט אַ הוּט און רֶעקְל - דְרֵייוְוט אַ בָּאס, דָאס וֶועט מַאכְן אַ שְׁלֶעכְטֶע רוֹשֶׁם".

לְמַעֲשֶׂה דֶער בָּחוּר הָאט גֶעהַאט דִי שְׁטַארְקַייט און דָאס גֶענוּמֶען מִיטְ'ן גַאנְצְן הַארְץ. דָאס אִיז בִּכְלַל נִישְׁט קַיין גְרִינְגֶע אַרְבֶּעט, וַוייל וָוען מֶען פַארְשְׁלָאפְט אִיז אוֹיס חֵדֶר; וָוען דֶער מְלַמֵּד פַארְשְׁלָאפְט - קֶען מֶען זִיךְ אַן עֵצָה גֶעבְּן, מֶען קֶען נֶעמֶען אַ בִּמְקוֹם. וָוען דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה פַארְשְׁלָאפְט גֵייט אוֹיךְ אַלֶעס אָן, אָבֶּער וָוען מַאמֶעס רַייסְן זִיךְ אַרוֹיס אִינְדֶערְפְרִי טְרָאגְן דִי קִינְדֶער אוֹיפְ'ן בָּאס און דִי בָּאס קוּמְט נִישְׁט צַייטְלִיךְ - אִיז גֶעפֶערְלִיךְ! מִשְׁפָּחוֹת וֶועלְן אֲפִילוּ אַרוֹיסְנֶעמֶען דִי קִינְדֶער פוּן אֵיין מוֹסָד און לֵייגְן בַּיי אַ צְוֵוייטֶע מוֹסָד - אוֹיבּ דִי בָּאס אִיז נִישְׁט צַייטְלִיךְ.

וָואס אִיז דִי סוֹף פוּן דִי מַעֲשֶׂה? דֶער בָּחוּר הָאט גֶעטְרָאפְן אַ גוּטֶע שִׁידוּךְ, מוֹהֲרָא"שׁ אִיז גֶעוֶוען זַיין שַׁדְכָן. מוֹהֲרָא"שׁ הָאט דִי לֶעצְטֶע חֲנוּכָּה צוּגֶערוּפְן אַ אִינְגֶערְמַאן וָואס הָאט גֶעלֶערְנְט אִין יְשִׁיבָה אוּן אִים גֶעזָאגְט: "אִיךְ הָאבּ אַ גוּטֶע שִׁידוּךְ פַאר דַיין שְׁוֶועסְטֶער", אוּן דִי חֲבֵרִים וָואס הָאבְן אִים אָפְּגֶערֶעדְט הָאבְּן גֶעדַארְפְט אַסַאךְ וַוארְטְן צוּ טְרֶעפְן זֵייעֶר שִׁידוּךְ.

אִיךְ שְׁרַייבּ דִיר דָאס אַז דוּ זָאלְסְט הָאבְּן חִיזוּק וֶוען דַיינֶע עֶלְטֶערְן שְׁרֵייעֶן אוֹיף דִיר אַז דוּ הָאסְט נִישְׁט קַיין שִׁידוּךְ וֶועגְן דָאס, וֶועגְן יֶענְץ; אַ קִינְד טָאר נִישְׁט עֶנְטְפֶערְן פַאר עֶלְטֶערְן, אָבֶּער אִיךְ מֶעג דִיר מְחַזֵק זַיין אוּן דִיר זָאגְן אַז הֶעלְפְן דֶעם רֶבִּי'ן וֶועט דִיר נִישְׁט שָׁאטְן פַאר דַיין שִׁידוּךְ, עֶס וֶועט דִיר הֶעלְפְן בָּזֶה וּבַבָּא.

אִיךְ זָאג דָאס פַאר אַלֶע בָּחוּרִים: "וָואס דוּ טוּסְט פַארְ'ן רֶבִּי'ן, פוּן רֵיינִיגְן - בִּיז דְרֵייוְון אַ גְרוֹיסֶער טְרָאק - וֶועט דִיר דָאס גָארְנִישְׁט שָׁאטְן פַאר דַיין שִׁידוּךְ, אוּן פַאר גָארְנִישְׁט, עֶס וֶועט דִיר נָאר הֶעלְפְן; וָואס דוּ טוּסְט פַאר גֶעלְט - דָאס וֶוענְדְט זִיךְ שׁוֹין וָואס, וֶוען אוּן וואוּ".

נֶעם דִי זִיסֶע עֵצָה פוּן רֶבִּי'ן, גֵיי אִין אַ לֵיידִיגֶע פְּלַאץ אוּן וֵויין זִיךְ אוֹיס, בֶּעט: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִיךְ דַארְף מַיין שִׁידוּךְ, אִיךְ קֶען נִישְׁט מֶער, רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן פז): 'חֹדֶשׁ אֱלוּל שֶׁאָז יְכוֹלִין לְתַקֵּן זֶה, אֲזַי מוֹצֵא זִוּוּגוֹ', אֱלוּל אִיז מְסוּגָל פַאר אַ שִׁידוּךְ, דֶער רֶבִּי זָאגְט אַז מֶען אִיז פּוֹגֵם בִּבְרִית פַארְלִירְט מֶען דִי שִׁידוּךְ, אוּן דֶער זֶעלְבֶּער רֶבִּי זָאגְט אַז אָן אַ שִׁידוּךְ אִיז מֶען פּוֹגֵם בִּבְרִית, אִין הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה רַחֲמָנָא לִצְלָן, אָן אַ וַוייבּ פַאלְט מֶען אַרָאפּ; אִיז דָאס אַ רֶעדְל וָואס דְרֵייְדְט זִיךְ אוֹיף נִישְׁט דִי גוּטֶע וֶועג, אוֹיף צוּרִיק; וַוייל פְּגַם הַבְּרִית רַחֲמָנָא לִצְלָן שְׁטוּפְּט אַוֶועק מַיין שִׁידוּךְ, אוּן אַז מֶען הָאט נִישְׁט קַיין שִׁידוּךְ אִיז מֶען פּוֹגֵם בִּבְרִית; טַאטֶע זִיסֶער, וִוי אַזוֹי קֶען מֶען אָפְּשְׁטֶעלְן דִי רֶעדְל וָואס דְרֵייְדְט זִיךְ אוֹיף צוּרִיק? אֵיינְס שְׁלֶעפְּט דָאךְ דִי צְוֵוייטֶע! רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, נָאר דוּ קֶענְסְט אָפְּשְׁטֶעלְן דִי רֶעדְל פוּן זִיךְ דְרֵייעֶן אוֹיף דִי נִישְׁט רִיכְטִיגֶע וֶועג, דוּ קֶענְסְט מִיר גֶעבְּן אַ שִׁידוּךְ אַז דֶער רֶעדְל זָאל זִיךְ אָנְהוֹיבְּן דְרֵייעֶן אוֹיף דִי גוּטֶע וֶועג, דוּ וֶועסְט מִיר גֶעבְּן מַיין שִׁידוּךְ, אַזוֹי וֶועל אִיךְ מֶער נִישְׁט פּוֹגֵם זַיין - אַזוֹי וֶועל אִיךְ

נִישְׁט פַארְלִירְן מַיין שִׁידוּךְ, אִיךְ וֶועל הָאבְּן שָׁלוֹם בַּיִת, און אַז אִיךְ וֶועל הָאבְּן מַיין שִׁידוּךְ און שָׁלוֹם בַּיִת – וֶועל אִיךְ נִישְׁט פּוֹגֵם זַיין.

רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם קוּק מַיין הַארְץ, אַתָּה חוֹפֵשׂ כָּל חַדְרֵי בָטֶן וּבוֹחֵן כְּלָיוֹת וָלֵב, אֵין דָּבָר נֶעְלָם מִמֶּךָּ וְאֵין נִסְתָּר מִנֶּגֶד עֵינֶיךָ, דוּ וֵוייסְט מַיין הַארְץ וִוי שְׁטַארְק אִיךְ ווִיל זַיין גוּט, אָבֶּער דֶער יֵצֶר הָרָע וַוארְפְט מִיךְ אַרָאפּ, בֶּעט אִיךְ דִיר, גֶעבּ מִיר מַיין שִׁידוּךְ און וְטַהֵר לִבֵּנוּ לְעָבְדְךָ בֶּאֱמֶת, אָמֵן.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

חִיזּוּק און עֵצוֹת פַאר בֵּית פֵיגָא יְרוּשָׁלַיִם

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ – יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת שׁוֹפְטִים, ב׳ אֱלוּל, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

אוּנְזֶער מְנַהֶלֶת מָרַת ... תְּחְיֶ׳ פָארְט קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל פַאר דִי הֵיילִיגֶע טֶעג, זִי קֶען אַסַאךְ צוּגֶעבְּן; סֵיי דִי טִיטְשֶׁערְס פוּן בֵּית פֵיגָא קֶענֶען נֶעמֶען פוּן אִיר גָאר אַסַאךְ, און סֵיי דִי תַּלְמִידוֹת קֶענֶען נֶעמֶען פוּן אִיר גָאר אַסַאךְ.

יֶעצְט אִיז נָאךְ אַבִּיסְל פְרִי, דָאךְ שְׁרַייבּ אִיךְ דִיר, אַז דוּ זָאלְסְט מְסַדֵּר זַיין זִי זָאל אִיבֶּערְגֶעבְּן פַאר דִי מֵיידְלֶעךְ און וַוייבְּלֶעךְ חִיזּוּק, שֵׂכֶל און עֵצוֹת.

בִּיטֶע אִיבֶּערְגֶעבְּן פַאר מָרַת ... תְּחְיֶ׳ זִי זָאל פְרֶעגְן אַלֶע אִירֶע פְרַאגֶעס בְּנוֹגֵעַ סְקוּל פוּן מָרַת ... תְּחְיֶ׳.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

### זָאלְסְט נִישְׁט גֵיין צוּ דִי בְּחִירוֹת

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת שׁוֹפְטִים, ב׳ אֱלוּל, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרַט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

יֶעצְט נָאךְ דִי יָמִים טוֹבִים גֵייט זַיין נָאכְאַמָאל וַואלְן, וְויל אִיךְ דִיר זָאגְן זָאלְסְט נִישְׁט גֵיי צוּ דִי בְּחִירוֹת. מוֹהֲרָא״ש שְׁרַייבְּט הוּנְדֶערְטֶער בְּרִיוו אִין סֵפֶר הַקָדוֹשׁ אֲשֶׁר בַּנַחַל וֶוער דִי רְשָׁעִים זֶענֶען אוּן וָואס פַאר אַ צָרוֹת זֵיי מַאכְן; הָאבּ נִישְׁט קַיין שַׁיְיכוּת מִיט דִי גַאנְצֶע זַאךְ.

אַזוֹי אוֹיךְ זָאלְסְטוּ זִיךְ זוּכְן אַ בֶּעסֶערֶע פַּרְנָסָה אוּן נִישְׁט הָאבְּן צוּטוּן מִיט דִי טְמֵאִים.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

### נֶעמְט אַ גוּטֶע הַדְרָכָה

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת שׁוֹפְטִים, ב׳ אֱלוּל, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרַט קָטָן

**מָרַת ... תִּחְיֶ׳**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

עֶס אִיז גוּט אִיר זָאלְט רֶעדְן מִיט מָרַת ... תִּחְיֶ׳; זִי וֶועט אַייךְ גוּט מַדְרִיךְ זַיין, זִי וֶועט אַייךְ מַדְרִיךְ זַיין וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן אִין שְׁטוּב מִיטְ׳ן מַאן וְכוּ׳ אוּן אוֹיךְ וִוי אַזוֹי צוּ זַיין אַ גוּטֶע טִיטְשֶׁער.

זִי אִיז בַּיי אוּנְז אִין סְקוּל פוּן דִי עֶרְשְׁטֶע טָאג, פוּן וֶוען מִיר הָאבְּן גֶעעֶפְנְט בֵּית פֵיגָא.

...

### מֶעג מֶען חַתוּנָה מַאכְן סוֹף חוֹדֶשׁ?

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת שׁוֹפְטִים, ב׳ אֱלוּל, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין פְּרַאגֶע.

בְּנוֹגֵעַ וָואס דוּ פְרֶעגְסְט אוֹיבּ דוּ זָאלְסְט זִיךְ עַקְשְׁנְ׳עֶן אַז דִי חֲתוּנָה זָאל נִישְׁט זַיין סוֹף חוֹדֶשׁ.

אִין שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת בְּרֶסְלֶב אִיז דָא דִי פְּרַאגֶע, מֶען פְרֶעגְט מוֹהֲרָא״שׁ (חֵלֶק לא, מִכְתָּב ג׳ תתעז): ״הַאִם יֵשׁ יָמִים שֶׁאָסוּר לַעֲרֹךְ בָּהֶם חֲתֻנָּה?״ אִיז דָא טֶעג וָואס מֶען מַאכְט נִישְׁט חֲתוּנָה? עֶנְטְפֶערְט מוֹהֲרָא״שׁ: בְּדֶרֶךְ כְּלַל מַאכְט מֶען נִישְׁט חֲתוּנָה פוּן כ״ד לַחֹדֶשׁ וַוייל אִין דִי טֶעג אִיז נִישְׁטָא קַיין בְּרָכָה, ״אֲבָל כְּפִי גֹּדֶל הַנִּסְיוֹנוֹת הַקָּשִׁים וְהַמָּרִים שֶׁעוֹבְרִים הַיּוֹם עַל כָּל אֶחָד וְאֶחָד״, אָבֶער וִויבַּאלְד עֶס גֵייט אַרִיבֶּער שְׁוֶועֶרֶע בִּיטֶערֶע נִסְיוֹנוֹת אוֹיף יֶעדְן אֵיינֶעם, ״אֲזַי יְכוֹלִים לְהִתְחַתֵּן בְּכָל יוֹם שֶׁרַק רוֹצִים״, קֶען מֶען מַאכְן דִי חֲתוּנָה סַיי וֶועלְכֶע טָאג, ״כִּי בְּכָל יוֹם וָיוֹם מֵאִיר בּוֹ הָאוֹר הַגָּנוּז שֶׁל הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא״, וַוייל יֶעדְן טָאג שַׁיינְט דִי לִיכְטִיגְקֵייט אוּן דִי זִיסְקֵייט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, ״וְלָכֵן לֹא צְרִיכִים לִדְאֹג כְּלָל״, מֶען דַארְף זִיךְ גָארְנִישְׁט זָארְגְן, ״כִּי עָדִיף לְהִתְחַתֵּן מִלְּהִכָּשֵׁל בַּעֲבֵרוֹת חֲמוּרוֹת״, עֶנְדֶערְשׁ זָאל מֶען חֲתוּנָה הָאבְּן וִוי אֵיידֶער אַרָאפְּפַאלְן אִין דִי בִּיטֶערֶע עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית רַחֲמָנָא לִצְלָן; ״וְלָכֵן צְרִיכִים לָדַעַת שֶׁכָּל יוֹם וָיוֹם זֶה יוֹם מֻצְלָח״, יֶעדְן טָאג אִיז אַ גוּטֶע טָאג, ״וְלֹא לְהִתְבַּלְבֵּל מִשּׁוּם דָּבָר״, מֶען דַארְף זִיךְ נִישְׁט מְבַלְבֵּל זַיין פוּן קַיין שׁוּם זַאךְ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

### נִישְׁט חֲרָטָה הָאבְּן אוֹיף גוּטֶע זַאכְן וָואס מֶען הָאט גֶעטוּן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת שׁוֹפְטִים, ב׳ אֱלוּל, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן

**מָרַת ... תִּחְיֶ׳**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

עֶרְשְׁטְנְס, אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר צוּ הֶערְן אַז אִיר זֶענְט זִיךְ מַמָּשׁ מְחַיֶּ׳ מִיטְ׳ן הֵיילִיגְן רֶבִּינְ׳ס הִתְחַזְּקוּת; אִיךְ פְרֵיי זִיךְ צוּ הֶערְן אַז אַייעֶר לֶעבְּן הָאט זִיךְ אַייךְ אַזוֹי פַארְגְרִינְגֶערְט, אַלֶעס אִיז אַזוֹי שֵׁיין אוּן גוּט, אִיר לֶעבְּט מִיטְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

בְּנוֹגֵעַ וָואס אִיר שְׁרַייבְּט אַז אִיר הָאט גֶענוּמֶען אַסַאךְ חִיזוּק פוּן רֶבִּי׳ן זִיךְ אָפְּצוּשֶׁערְן דִי הָאר; וואוּיל אִיז אַייךְ, וואוּיל אִיז אַייעֶר חֵלֶק, אִיר קֶענְט זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן ווִי חָשׁוּב אִיר זֶענְט בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן. דֶער הֵיילִיגֶער זוֹהַר זָאגְט (נָשֹׂא קכה:): ״׳תּוּנְבָא לֵיתֵי׳ אַ קְלָלָה זָאל קוּמֶען, ׳עַל הַהוּא בַּר נָשׁ׳ אוֹיף דֶעם מֶענְטְשׁ, ׳דְּשָׁבַק לְאִנְתְּתֵיהּ׳ וָואס לָאזְט זַיין וַוייבּ, ׳דְּתִתְחַזֵּי מִשַּׂעֲרָא דְּרֵישָׁהּ לְבַר׳ אַז אִיר הָאר פוּן קָאפּ זָאל זִיךְ אַרוֹיסְזֶען, ׳וְדָא הוּא חַד מֵאִינּוּן צְנִיעוּתָא דְּבֵיתָהּ׳ אוּן דָאס אִיז פוּן דִי יְסוֹדוֹת פוּן אַ אִידִישֶׁע שְׁטוּבּ, אַז מֶען זָאל נִישְׁט זֶען דִי הָאר פוּן דִי פְרוֹי; ׳וְאִתְּתָא דַּאֲפִּיקַת מִשַּׂעֲרָא דְּרֵישָׁהּ לְבַר׳ אוּן אַ פְרוֹי וָואס גֵייט מִיט אוֹיפְגֶעדֶעקְטֶע הָאר, ׳לְאִתְתַּקְּנָא בֵּיהּ׳ זִיךְ שֵׁיין צוּ מַאכְן, ׳גָּרִים מִסְכְּנוּתָא לְבֵיתָא׳ אִיז זִי גוֹרֵם אַז עֶס זָאל זַיין אָרֶעמְקֵייט אִין שְׁטוּבּ, ׳וְגָרִים לִבְנָהָא דְּלָא יִתְחַשְּׁבוּן בְּדָרָא׳ אוּן זִי אִיז גוֹרֵם אַז אִירֶע קִינְדֶער וֶועלְן נִישְׁט מַצְלִיחַ זַיין אוּן זֵיי וֶועלְן נִישְׁט זַיין חָשׁוּב, ׳וְגָרִים מִלָּה אַחֲרָא דְּשַׁרְיָא בְּבֵיתָא׳ אוּן זִי אִיז גוֹרֵם אַז דֶער סַמֶ״ךְ מֶ״ם אוּן דִי נִישְׁט גוּטֶע זָאלְן זַיין אִין אִיר שְׁטוּבּ.

זָאגְט וַוייטֶער דֶער זוֹהַר: ׳מַאן גָּרִים דָא׳ וֶוער אִיז דָאס אַלֶעס גוֹרֵם? ׳הַהוּא שַׂעֲרָא דְּאִתְחַזֵּי מֵרֵישָׁהּ לְבַר׳ דִי פְרוֹי וָואס אִיר הָאר זֶעט זִיךְ אַרוֹיס״; אוּן פַארְקֶערְט אִיז נָאךְ מֶער, אַ פְרוֹי וָואס גֶעבְּט אַכְטוּנְג אַז אִירֶע הָאר זָאל זִיךְ נִישְׁט אַרוֹיסְזֶען, וֶועט הָאבְּן אַלֶע בְּרָכוֹת אוּן זִי וֶועט הָאבְּן נַחַת פוּן אִירֶע קִינְדֶער.

עֶס אִיז דָא אַ דִיבּוּר פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן: ״נָאךְ אַ מְסִירַת נֶפֶשׁ טָאר מֶען

נִישְׁט חֲרָטָה הָאבְּן"; יֶעצְט וֶוען אִיר הָאט גֶעטוּן דִי מְסִירַת נֶפֶשׁ זָאלְט אִיר נִישְׁט טְרַאכְטְן: 'וָואס הָאבּ אִיךְ גֶעטוּן? אֶפְשָׁר בִּין אִיךְ נִישְׁט קַיין עֶרְלִיכֶע פְרוּי, אֶפְשָׁר מַאךְ אִיךְ נִישְׁט צוּפְרִידְן מַיין מַאן'; טְרַייבְּט אַרוֹיס דִי מַחֲשָׁבוֹת, יֶעצְט זָאלְט אִיר זִיךְ גְרוֹיסְן אוּן הֵייבְן, זָאגְט: 'אִיךְ בִּין אַ גְלַייכֶע גוּטֶע, נִישְׁט קַיין קְרוּמֶע פְרוּמֶע'.

אַז מֶען שֶׁערְט זִיךְ אָפּ אִיז מֶען נִישְׁט קְרוּם פְּרוּם, אַז מֶען אִיז פַארְנוּמֶען מִיט אַ צְוֵוייטְנְ'ס רוּחָנִיּוּת - דֶעמָאלְט אִיז מֶען אַ קְרוּמֶע פְרוּמֶע, אָבֶער אַז מֶען טוּט זִיךְ אָן אֵיידְל - אִיז מֶען אַ גְלַייכֶע גוּטֶע, אַז מֶען שֶׁערְט זִיךְ אָפּ אַזוֹי וִוי דִי הֵיילִיגֶע צַדִיקִים הָאבְּן אוּנְז גֶעזָאגְט - אִיז מֶען נִישְׁט קַיין קְרוּמֶע פְרוּמֶע.

בְּנוֹגֵעַ וָואס אִיר שְׁרַייבְּט אַז זַייט קָארָאנֶע פֶעלְט בַּיי אַייעֶר מַאן דִי כֹּחַ וְכוּ'; דֶער רֶבִּי הָאט גוּטֶע סְגוּלוֹת. דֶער רֶבִּי זָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תס): "מִי שֶׁאֵין לוֹ גְּבוּרַת אֲנָשִׁים שֶׁיֹּאמַר שִׁיר הַשִּׁירִים מִשְׁלֵי וְקֹהֶלֶת", דוּרְךְ זָאגְן שִׁיר הַשִּׁירִים, מִשְׁלֵי אוּן קֹהֶלֶת - בַּאקוּמְט מֶען כֹּחַ; דָאס אִיז אַ ווּאוּנְדֶערְלִיכֶע סְגוּלָה.

בִּכְלַל אִיז גוּט צוּ וִויסְן וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן רמג): "כָּל הָרְפוּאוֹת שֶׁבָּעוֹלָם כֻּלָּם כְּלוּלִים בְּ'שִׁיר הַשִּׁירִים'", אַלֶע רְפוּאוֹת פוּן דִי וֶועלְט לִיגְן אִין שִׁיר הַשִּׁירִים; ווּאוֹיל אִיז דֶעם וָואס פָאלְגְט דִי עֵצוֹת בִּתְמִימוּת וּפְשִׁיטוּת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה.

...

### יֶעדֶעס יָאר בַּיים יוֹם הוּלֶדֶת זָאלְט אִיר זִיךְ מְקַבֵּל זַיין נָאךְ אַ גוּטֶע זַאךְ

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת שׁוֹפְטִים, ב' אֱלוּל, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן ... תִּחְיֶ'

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

יֶעצְט וֶוען אִיר וֶוערְט אַ בַּת מִצְוָה וואוּנְטְשׁ אִיךְ אַייךְ אַ בְּרָכָה, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט אוֹיסְוַואקְסְן אַ גְרוֹיסֶע צַדֵיקֶת, אִיר זָאלְט שְׁטֶענְדִיג זַיין פְרֵיילִיךְ אוּן הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע אַייעֶרֶע טוּאוּנְגֶען.

זַייט זִיךְ מְקַבֵּל יֶעצְט לְכָבוֹד אַייעֶר בַּת מִצְוָה אַ גוּטֶע זַאךְ פַאר אַייעֶר לֶעבְּן, אוּן יֶעדֶע יָאר וֶוען עֶס קוּמְט אַייעֶר יוֹם הוּלֶדֶת זָאלְט אִיר זִיךְ מְקַבֵּל זַיין נָאךְ אַ גוּטֶע זַאךְ אוּן נָאךְ אַ גוּטֶע זַאךְ.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה.

...

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

מֵאֵיר קִינְדֶלֶער

## אָנְגֵיין אֲפִילוּ עֶס אִיז שְׁוֶוער

אַ שֵׁיינֶע חֲתוּנָה, לֶעבֶּעדִיגֶע מוּזִיק, דֶער גַאנְצֶער עוֹלָם טַאנְצְט אַזוֹי לֶעבֶּעדִיג; אוֹיךְ דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אִיז דָארְט, דִי מוּזִיק שְׁפִּילְט שֵׁיין, אֵיינֶער פַייפְט מִיט אַ פַייפֶער, אֵיינֶער שְׁפִּילְט אוֹיפְ׳ן פִידְל, אוֹיךְ אִיז דָא אַ טְרָאמְפֵּייטֶער מִיט אַ פּוֹיקֶער. דֶער קָאנְדָאקְטֶער מַאכְט מִיט דִי הֶענְט אַרוֹיף אוּן אַרָאפּ אַלֶע זָאלְן שְׁפִּילְן אִינְאֵיינֶעם, דֶער עוֹלָם אִיז זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ, עֶס אִיז גָאר אַ לֶעבֶּעדִיגֶע חֲתוּנָה.

עֶפֶּעס אִינְטֶערֶעסַאנְט הָאט פַּאסִירְט, דֶער פּוֹיקֶער אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר מִיד אוּן אִינְמִיטְן פּוֹיקְן אִיז עֶר אַיינְגֶעשְׁלָאפְן; אַלֶע קוּקְן וִוי דִי מוּזִיק שְׁפִּילְט אוּן וִוי דֶער פּוֹיקֶער שְׁלָאפְט, דֶער קָאנְדָאקְטֶער בַּאמֶערְקְט וִוי דֶער פּוֹיקֶער שְׁלָאפְט.

פְּלוּצְלוּנְג: ״פַּאטְשׁ!!!״ ״פַּאטְשׁ!!!״ דֶער קָאנְדָאקְטֶער הָאט גֶעגֶעבְּן אַ פַּאטְשׁ פַארְ׳ן פּוֹיקֶער, דֶער פּוֹיקֶער הָאט זִיךְ גֶעגֶעבְּן אַ כַאפּ אוֹיף אוּן גְלַייךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּרִיק צוּ פּוֹיקְן, עֶר קְלַאפְּט אוּן פּוֹיקְט כְּאִילוּ לֹא הָיָה.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זֶעט דִי מַעֲשֶׂה אוּן רוּפְט זִיךְ אָן: ״אַ פַּאטְשׁ גֶעכַאפְּט אוּן פְרֵיילִיךְ גֶעקְלַאפְּט״, דֶער רֶבִּי זָאגְט




דֶער פּוֹיקֶער פּוֹיקְט וַוייטֶער

פַאר דִי תַּלְמִידִים: ״פוּן יֶעדֶע זַאךְ וָואס מֶען זֶעט דַארְף מֶען אַרוֹיסְנֶעמֶען חִיזוּק פַאר עֲבוֹדַת הַשֵּׁם, מִיר לֶערְנֶען זִיךְ פוּנֶעם פּוֹיקֶער אַז אֲפִילוּ מֶען הָאט גֶעכַאפְּט אַ קְלַאפּ – דַארְף מֶען נָאכְאַלְץ זַיין פְרֵיילִיךְ; אֲפִילוּ עֶס גֵייעֶן אַרִיבֶּער שְׁוֶועֶרֶע טֶעג דַארְף מֶען וַוייטֶער פַּאטְשְׁן אוּן קְלַאפְּן, טַאנְצְן אוּן שְׁפְּרִינְגֶען״.

קִינְדֶער לָאמִיר זִינְגֶען: ״אַלֶעס וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּט אִיז זִיכֶער גוּט, אֲפִילוּ וֶוען עֶס זֶעט אוֹיס שְׁלֶעכְט – וֵוייס אִיךְ אַז עֶר אִיז גֶערֶעכְט״.